STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10853

DER YIDISHER OYFSHTAND, VARSHE 1943

Rachel Auerbach

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

רחל אויערבאך

דער יידישער אויפשטאנד

ווארשע 1943

ווארשע — 1948

צענטראל־קאמיטעט פון די יידן אין פוילן

RACHELA AUERBACH

POWSTANIE ŻYDOWSKIE
WARSZAWA 1943

B—44582

Nakładem Centralnego Komitetu Żydów w Polsce, Warszawa, 1948

Składano i tłoczono w drukarni „OGNIWO", Warszawa, Targowa 33

I.

עס איז געווען מאַנטיק, דעם 19טן אַפּריל 1943, ערב פּסח תש״ג. נאָך מיט יאָרן צוריק האָבן דייטשע פּראָפעסאָרן אָפּגעמערקט די דאַטן, כּדי צו פאַרשטערן יעדן יום־טוב. כּדי צו פאַרוואַנדלען טעג פון יידישער פייערלעכקייט, אין טעג פון בהלה און פּיין.

אָבער דאָס מאָל האָבן זיי, נישט ווילנדיק, בייגעטראָגן צום פאַרטיפן אַן אור־אַלטן סימבאָל. גורם געווען, אַז פּסח זאָל איבעראַנייס ווערן אַ געדענק־טאָג פון יידישער באַפרייונג.

יידן צום טויט פאַרמשפּטע, אין אַן אַרומגעמויערטן געטאָ פאַרשלאָסענע, פון אַלע רעכט באַרויבטע און דערנידעריקטע, פאַראיינזאַמטע און איזאָלירטע — האָבן אין אָנבליק פון זייער אומפאַרמיידלעכער פאַרטיליקונג אַרויסגעבראַכט פון זיך די גבֿורה אויפצוהויבן אַ באַוואָפנטן קאַמף קעגן אַ הונדערט־פאַכיק שטאַרקערן שונא. אין מאָמענט פון זייער אייגענעם אומקום צו מאַניפעסטירן די העכסטע מענטשלעכע און נאַציאָנאַלע רעכט פון די יידישע מאַסן צום לעבן. זייער גלויבן אין קיום האומה, זייער אמונה און קומענדיקן נצחון פון יושר און פון פרייהייט.

ערב פּסח 1943 — די דאַטע פון דריטן און לעצטן מאָרד־איבערפאַל אויף דעם וואַרשעווער יידנטום. גלייכצייטיק די דאַטע פון יידישן ווידערשטאַנד — פון יידישן אויפשטייג.

דאָס לעמעלע פון קרבן פּסח איז דאָס מאָל פאַרברענט געוואָרן לעבעדיקערהייט...

טאָ לאָמיר זי נאָכאַמאָל דערציילן פון אָנהויב — די מעשה פון יענע גרויסע און שרעקלעכע וואָכן.

לאָמיר אויפציילן די פאַקטן נאָכאַנאַנד. לאָמיר זיי איבערגעבן בקיצור, ווי אַ כראָניק פון אונזער האַרץ. ווי אַ מגילה, וואָס ווערט יעדעס יאָר געלייענט אויפסניי.

לאָמיר גיין בסדר.

II.

היטלערס מלחמה קעגן יידן איז שוין געווען כמעט אַן אויסגעשפּילטע.

אויף די בית־עלמינס זענען שוין אין ברידער־קברים געלעגן צענער טויזנטער אויסגעשטאָרבענע פון הונגער און מגיפה. אויף דעם גרויסן מתים־פעלד, פון איין עק פּוילן ביז צום אַנדערן, זענען שוין געבליבן ליגן מיליאָנען.

איינציקווייז און גרופּנווייז געהרגעטע, דורך הינט צעריסענע, מיט שטעקענעס געממיתטע, פאַרפּייניקטע אין לאַגערן מכל המינים. אויסגעשאָסענע אין עקזעקוציעס און די פאַרוווּנדעטע אינאיינעם מיט די מתים באַגראָבענע. דערשטיקטע אין טויטן־אויטאָס, אין גאַז־קאַמערן אויסגעדורשעטע און אויסגעסמטע, אין ריזיקע מאַסן־גריבער לעבעדיקערהייט פאַרברענטע.

מיליאָנען...

די ירושה פון דעם רויב־מאָרד איז שוין געווען דורכסאָרטירט און איינגעפּאַקט, אין טויזנטער וואַגאָנען אַוועקגעשיקט קיין דייטשלאַנד.

צוזאַמען מיט די האָר פון קאָפּ, אָפּגעשניטענע ביי פרויען פאַרן טויט און מיט די ציין, אַרויסגעריסענע פון טויטע מיילער.

די מערדער האָבן שוין געהאַלטן ביים אויסגראָבן און פאַרברענען די מתים.

היטלערס נצחונות אויף די פראָנטן האָבן זיך געהאַט געענדיקט.

עס איז צייט געוואָרן אָפּצווישן די שפּורן.

נאָך סטאַלינגראַד האָט הימלער אַרויסגעגעבן אַ באַפעל: דעם מאַסן־מאָרד פאַרענדיקן!

אַרויספירן אין לאַגערן די רעשטן יידן, געלאָזענע ביים לעבן. אויסנוצן אַ שטיק צייט נאָך די אומזיסטע אַרבעט זייערע.

און דערנאָך פאַרטיליקן.

מאַכן דעם שטח „יודענריין”.

די געטאָס פאַרברענען, אָדער פאַנאַנדערנעמען די בנינים.

עס זאָל נישט בלייבן קיין שריד ופליט.

קיין שריד ופליט...

III.

דער ערשטער איבערפאַל אויפן וואַרשעווער יידנטום האָט זיך איינ־געגעבן כמעט איינגאַנצן.

די גרויסע גירוש־אַקציע פון 22טן יולי ביז דעם 13טן סעפטעמבער 1942.

דעם שונאס אויסגעפּרוווטע טאַקטיק האָט צעקלאַפּט אין וואַרשע אַלע צוגרייטונגען.

דעם אָנהויב פון פאַראייניקן צום קאַמף די יידישע פּאַרטייען.

איבער דריי מאָל הונדערט טויזנט וואַרשעווער יידן — פון מוטיקסטן, ענערגישסטן, פון לעבנספעיקסטן מענטשן־מין — זענען געוואָרן אַרויס־געפירט און אויסגעהרגעט, כמעט ווי אָן אַ פּרוּוו פון קאָלעקטיוון ווידער־שטאַנד.

בלויז דער קאָמענדאַנט פון דער יידישער מיליץ איז געוואָרן פאַר־וווּנדעט. בלויז אַ פּאָר פאַקטן פון אונטערציינדן זענען פאָרגעקומען. עטלעכע אַקטן פון סאַבאָטאַזש.

הגם אַזוי פיל צער און צאָרן, הגם אַזוי פיל קראַפט איז נאָך אָנגע־קנוילט געווען אין דער מאַסע.

הגם אַ קליינער ברוך־טייל פון דער מאַסע, אין פיל שווערערע באַדינ־גונגען, האָט גאָר אַנדערע מעשים באַוויזן, סך הכל מיט אַ האַלב יאָר שפּעטער.

הגם... הגם...

רעגן טרעבלינקע האָט מען אָנגעהויבן ברייט צו רעדן ערשט נאָכן פאַרענדיקן די ערשטע אַקציע. ווען עס האָט זיך אויסגעוועבט אַ ביסל די בייזע בלינדעניש, די אינעווייניקסטע באַטויבונג.

דער חורבן איז שוין דעמאָלט געווען אין פיר פינפטל אַ פאַרענ־דיקטער.

די ליקווידאַציע פון די לעצטע אָן ערך זיבעציק טויזנט יידן, לעגאַל און אומלעגאַל פאַרבליבענע אין געטאָ, וועט שוין אַזוי לייכט און פּשוט נישט אַדורכגיין.

IV.

דאָס, וואָס האָט געשפּראָצט, געוועבט זיך ביז דער קאַטאַסטראָפע — די פאַרייניקונג פון די יידישע פּאַרטייען — איז איצט צושטאַנד געקומען ממש איבער נאַכט. אין אַ פּאָר וואָכן אַרום נאָכן פאַרענדיקן די ערשטע אַקציע, העלפט אָקטאָבער 1942. מיט בשותפותדיקע כוחות ווערט געבויט די קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע.

די קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע — הגם גייהיים — ווערט דער אָרגאַניזירטער אויסדרוק פון אַ פאָלקס־ווילן, דער קערן פון אַן אַלגעמיינער פאָלקס־באַוועגונג. באַוואָפנענען און פאַרטיידיקן זיך — ווידערשטאַנד — ווערט איצט דער תוכן פון אַלע טואונגען אין געטאָ.

די טראַגישע דערשיטערונג „טרעבלינקע" האָט באַפרייט אין געטאָ מעכטיקע ענערגיעס. דער בלינד צעקנוילטער ווייטיק פון איעדן יידן — זיין בענקשאַפט נאָך די אומגעקומענע, זיין גרויל צוליב דעם מאָרד, זיין שנאה צו די מערדער — באַקומט אַ תיקון און אַ ציל. אויף די חורבות פון אַ לעבן, אויפן ראַנד פון אומקום, מאַכט דורך דער קליינער רעשט פון גרויסן קיבוץ אַ ממש וווּנדערלעכע רעוואָלוציע און באַנייאונג.

דער דראַמאַטישער פינאַל איז צוגעפּאַסט צו דער רייכער און שטורמישער געשיכטע פון יידיש־פּאָליטישן און יידיש־נאַציאָנאַלן לעבן אין פּוילן — ביז אַהער.

דער עלעמענט אין געטאָ איז איצט געוועזן אַ יונגערער אין דורכשניט און אַ מער אַנטשלאָסענער, ווי פריער.

פּונקט אַזוי קרעפטיק און איינגעקשנט, ווי ס'איז געוועזן ביזן גירוש דער יידישער גערעַנגל מיטן הונגער און פאַרצווייפלונג, אַזוי האַרטנעקיק און סטיכיש איז איצט געוואָרן דער יידישער געראַנגל מיט דער פאַרטיליקונג בפועל ממש.

נאָך דינאַמישער, עלעמענטאַרער.

יידן זענען שוין נישט געזעסן איצטער און געוואַרט, מען זאָל זיי קומען נעמען צו דער „אויסזידלונג אויף מזרח". נישט געיאָגט זיך אין פאַרצווייפ־

לונג נאָך דער סגולה פון די דייטשע סטעמפּלען און פּאַפּירלעך. נישט געשפּרונגען, ווי טעקלעך נעבעכדיקע אויף די שטריק פון דייטשע ליגנס.

די יידן האָבן שוין געוווּסט דעם א מ ת.

דער מאַסן־אויפברויז לאָדט זיך קודם אויס אין ברען פון אַרבעט.

דאָס צעשטיקלטע — אויף באַזונדערע געביטן צעטיילטע, ביי העננט און פיס געבונדענע און אַ יעדע רגע אויף אַ נייעם איבערפאַל אויסגעשטעלטע — געטאָ, ווערט אין משך פון געציילטע פּאָר חדשים פּאַרוואַנדלט ממש אין אַ פעסטונג.

הונדערטער און הונדערטער, מיט געניאַלע יידישע המצאות אויפגעבויטע, אויפן יסוד פון שכנים־ אָדער משפּחה־שותּפותן אָרגאַניזירטע אונטערערדישע דירות און באַהעלטענישן פאַר דער יידישער באַפעלקערונג!

וואַסערלייטונגען און ברונעמער, קאַנאַליזאַציע, עלעקטרישע אינסטאַלאַציע, ווענטילאַציע. ערטערווייז אַפילו ראַדיאָ־אַפּאַראַטן... אומעטום מעדיקאַמענטן, אויף וואָכן אָדער חדשים צוגעגרייטע שפּייז, באַלויכטונג, קודם כל — וואָפן... גרויסע געלטער, פּאַרמעגנס אַנגעקליבענע אין די פּאַרלאָזטע דירות...

אַ סיסטעם פון אונטערערדישע טונעלן, קאָרידאָרן, אויסגאַנגען צו דער קאַנאַליזאַציע־נעץ. צו וועגן, וואָס פירן אַרויס מחוץ דעם געטאָ אויף דער פּוילישער זייט...

די פּאַרמאַסקירונג... די איינפאַלן פון פּאַרמאַסקירונג...

פון אויבן זענען די הייזער פאַרבונדן מיטאַנאַנד דורך אויסגעזעצטע לעכער אין די ווענט, דורך בוידעם־דורכגאַנגען.

אין אַ טייל הייזער שיס־נעסטן, אָבסערוואַציע־פּונקטן, פּאַבריקלעך פון גראַנאַטן און פון אויפרייס־מאַטעריאַלן. דאָס זענען באַזעס פון דער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע. אַחוץ דער באַוואָפנונגס־אַקציע פון דער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע, גייט אַ ברייטע אַקציע פון באַזאָרגן מיט וואָפן די בונקערס אויפן יסוד פון אַ פּריוואַט־איניציאַטיוו. יידן פון אַ גאַנץ יאָר האַנדלען זיך אין „שפּייערס", חלומען וועגן געווער פון גרעבערן קאַליבער. דער רוב בונקערס פּאַרמאָגט אַ וואָך, אַ געוויילטן קאָמענדאַנט. אָן איינגעשטעלטע דיסציפּלין. בשעת דער אַקציע וועלן ווערן אַרויסגעשטעלט אָבסערוואַציע־פּאָסטנס, איינגעשטעלט דיזשורן. די פּריוואַטע „ווילדע" פּאַרטיידיקונגס־אַקציע שטייט אונטער דער השפּעה פון דער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע.

אַלע נויטיקע מאַטעריאַלן ווערן אַריינגעבראַכט אין געטאָ דורך ש מ ו ג ל. דער שמוגל איבערשטייגט נאָך איצט אַלץ אויסטערלישע, און מוטיקע, וואָס איז געטון געוואָרן ביי דער געטאָ־גרעניץ אין דער פריער־דיקער תקופה. אַ ר ו י ס ווערן געשמוגלט סחורות און מלבושים, טיילן פון מאַשינען — אַלץ, וואָס האָט אַ ווערט פאַר דעם טאָג־טעגלעכן לעבן פון פּאָליאַקן. אַ ר יי ן — נאָר דאָס, וואָס האָט אַ ווערט פאַר דער פאַר־טיידיקונג.

רעוואָלווערן און גראַנאַטן, אַמוניציע און מאַשין־פּיסטוילן, זענען די סחורה. דינאַמיט און פּאָטאַזש־מישונגען, בענזין און ניטראָגליצערין... אין גלוקאָזע און וויטאַמין־פּילן ליגן יידן אַריין געלט. אין מעל און קאַשע, אין צוקער און פּאַסאָליעס. אין פלעשער מייערן־זאַפט און אין פלעשער מאָלאָ־טאָוו־קאָקטייל.[1]

יידישע באַוואָפנונג, יידישע פאַרטיידיקונג.

א מקור פון קראַפט:
די וואָפן־ברידערשאַפט צווישן די יידישע פּאַרטייען. דאָס אויפ־ריכטיקע אויפגעבן אויף אַ שטיק צייט די קנאה שנאה. שלום אינע־וויניקסטער און נאַציאָנאַלער אחדות.

אַ קוואַל פון מוט און פּאַטאָס. אַ סוד און אַ יסוד פון דעם כוח הציבור.

V.

די יידישע קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע האָט שוין הינטער זיך דעם ערשטן אויפטריט. דעם באַוואָפנטן ווידערשטאַנד, בשעת דער פירטאָגיקער גירוש־אַקציע אין חודש יאַנואַר. די ערשטע עטלעכע צענדליק דייטשן געהרגעטע און פאַרוונדעטע אין געטאָ. דאָס חשיבות פון דער אָרגאַניזאַציעביים עולם שטייגט וואָס אַמאָל אַלץ מער.

די מיטגלידער זענען אַלע שוין מאָביליזירט און קאָשאַרירט אין קאָ־לעקטיווע דירות. איינגעטיילט אין קאַמפּס־גרופּן פּאַרטייאישע. די בלאָק־איינהייטן — פּאַרטייאיש־געמישטע, מיט אַ בשותפותדיקן קאָמענדאַנט. די אָנפירונג אין דעם צענטראַלן געטאָ.[2] אין דער אָנפירונג זענען פאַרטראָטן אַלע.

אַמווייניקסטן זענען אין דער אָרגאַניזאַציע פאַראַנען מיליטער־לייט. דער עיקר איז דער ג יי ס ט און ווילן. דאָס אַנדערע טוט מען זיך מיט גרויס התמדה לערנען: זיך באַנוצן מיט געווער, זיך איינלעבן מיט די באַדינגונ־גען פון קאַמף אין געטאָ. די הויכע קונסט פון גובר זיין דעם פּחד...

אַן אַקציע אָפּצורייניקן דאָס געטאָ פון אַגענטן און פאַרעטער. סאַ־באָטאַזש־אַקטן קעגן די דייטשע פירמעס. עקספּראָפּריאַציעס לטובת דער באַוואָפנונג.

אַנדערע יידן באַשטייערן זיך אַליין מיט אַ ברייטער האַנט לטובת דער „פּאַרטיי".[3] זי איז די שרעק פון אַלע מנוולים. די ליבשאַפט און דער שטאָלץ פון אַלע אַנדערע יידן.

די אָרגאַניזאַציע באַוואַכט דאָס געטאָ. זי שטייט אין כסדרדיקער גרייט־קייט.

די דייטשן ווייסן, וואָס אין געטאָ טוט זיך. מיט געוויינלעכע מיטלען זענען זיי שוין אָבער די לאַגע צו באַהערשן נישט אומשטאַנד.

זייערע זשאַנדאַרן ביי די וואַכן זענען איבערגעקויפט. די פּאָליציי־אָפּטיילן האָבן זייער פּחדנות באַוויזן בשעת דער אַקציע אין יאַנו־אַר. אויף די טעראָריזירטע יידישע מיטהעלפער איז נישטאָ וואָס מער

זיך צו פאַרלאָזן. מען וויל „מיט גוטן" פאַנאַדערלאָדענען די נעסט פון ווי־דערשפעניקייט, עס זאָלן קיין אייגענע קרבנות דערביי נישט זיין. מען פרוווט מיט צביעותדיקער מילדקייט אַרויסנאַרן די יידן אין די אַרבעטס־לאַגערן קיין פאָניאַטאָוו און טראַווניק.4)

אָבער יידן האָרכן זיך נישט צו מער צו קיין דייטשע הבטחות. יידן פאָלגן די אָנווייזונגען, וואָס ווערן זיי געגעבן אין די אויפרופן פון דער אָר־גאַניזאַציע. זיי בלייבן זיצן אויפן אָרט, זיי בויען ווייטער זייער פעסטונג.

„אַ ווירוואַר נישט צום באַשרייבן האָט געהערשט אין געטאָ" — וועט שפעטער שרייבן וועגן אָט דער תקופה אַ דייטשער גענעראַל — „אַפילו אין די דייטשע מיליטערישע בעטריבן זענען געווען יידישע בונקערס און אַמוניציע־פאַבריקן."

אָ, נישט קיין ווירוואַר איז דאָס געווען, דאָס, וואָס ער האָט געמיינט.

אַ הויך אַנטוויקלטע, אַ קלוג אָרגאַניזירטע אַרבעט.

די דייטשן האָבן נישט געהאַט זיך וואָס צו מאַכן קיין אילוזיעס. און אויך די יידן האָבן זיך מער קיין אילוזיעס נישט געמאַכט.

די דייטשן האָבן צוגעגרייט אַ נייע אַקציע.

די יידן האָבן זיך געגרייט צום קאַמף.

VI.

אויף די באַזעצטע מזרח־שטחים האָט זיך נאָך סטאַלינגראַד אַ הויב געטון די ווידערשטאַנדס־באַוועגונג. דער טעראָר האָט זיך פאַרשטאַרקט און עס האָט זיך אויך פאַרשטאַרקט דער קעגן־דרוק.

דער גערענגל פון די אַנדערע אָקופּירטע פעלקער האָט געהאַט אַ ברייטן אָטעם. די ווייסרוסישע, אוקראַינישע, פּוילישע, פּאַרטיזאַנער, די אונטערערדישע אַרמייען, האָבן זיך געגרייט צו זייער לעצטן אויפטריט, ערשט ווען עס וועט רייף ווערן די לאַגע, ווען עס וועט זיך דערנענטערן דער פראָנט.

די יידישע אָרגאַניזאַציע האָט געמוזט אַרויסטרעטן שוין איצט. מיט איר לעצטן, מיט איר העכסטן.

נישט האָבנדיק כמעט קיין שאַנסן אויף דערפאָלג.

אויב נישט, וואָלט זי דעם קאַמף אינגאַנצן נישט דערלעבט.

די יוגנט נעמט אויף זיך דעם עול פון נאַציאָנאַלער טאַט, פון נאַציאָנאַלער פּאָליטיק. די ייִנגסטע זענען צו מעשים רייף די ערשטע.

און עס זענען אַ טייל יונגע מענטשן יידישע פון דער פּוילישער זייט און פון דעם וואַלד צוריקגעקומען — כדי צו קעמפן און אומקומען אין געטאָ.

די אונטערערדישע יידישע אַרמיי, אַן אָפּגעשניטענע פון יעדן היגטערלאַנד — די כולו איזאָלירטע, די מיליטעריש סאַמע שוואַכסטע — האָט געזאָלט אַרויסטרעטן אין אַ שטאָט צום קאַמף — די סאַמע ערשטע.

פון איר מוט און ביישפּיל, פון די דערפאַרונגען און די המצאות אירע, האָבן דערנאָך געלערנט אַנדערע.5) אַ פאַרמשפּטע שוין אין יסוד אויף פיזישער מפּלה, האָט זי געזאָלט אָפּהאַלטן אַ מאָראַלישן נצחון פון סאַמע העכסטן מין.

„מיר מוזן קעמפן שוין איצט, מיר זענען גרייט צו שטאַרבן פאַר דער ווירדע פון פאָלק און מענטש...‟

אַזאַ איז געווען דער פּראָגראַם, אַ פאָרמולירטער אין אַן אָפיציעלן

דאָקומענט. אין אַ ווענדונג נאָך געווער צום פּויליש־אונטערערדישן רעגי־רונגס־פאָרשטייער.6)

„לאָמיר שטאַרבן מיט כבוד״ — איז געווען די לעצטע לאָזונג אויף דעם אויפרוף, וואָס איז געוואָרן אויסגעקלעפּט אין געטאָ אין דער לעצ־טער נאַכט.

אין דער נאַכט פון ערב פּסח, ערב אויפשטאַנד.

VII.

זונטיק, דעם 18טן אַפּריל יאָר 1943.
דאָס מיליטער איז שוין פאַראַן אין וואַרשע:
אַן אָפּטייל ס״ס וואָפן פּאַנצער־גרענאַדירן — 400 מאַן — 6 אָפיצירן.
אַן ערזאַץ־אָפּטייל ס״ס־קאַוואַלעריע — 450 מאַן — 10 אָפיצירן.
אַן אָפּטייל פּאָליציי — 166 מאַן — 6 אָפיצירן.
אַן אָפּטייל זאַנדערדינסט — 48 מאַן — 2 אָפיצירן.
אוקראַאינישער הילפסדינסט — 151 מאַן.
זיכערהייטס־פּאָליציי — 55 מאַן.
פּוילישע פּאָליציי — 471 מאַן — מיט אָפיצירן.
פון ווערמאַכט זענען געוואָרן צוגעטיילט מכשירים און ספּעציעלע אײנ־הייטן:
4 קאַנאָנען מיט דער מאַנשאַפט.
1 פלאַמענוואַרפער.
אַן אָפּטייל פּיאָנערן — 16 מאַן, 2 אָפיצירן.
1 סאַניטאַרע אָפּטיילונג מיט אַמבולאַנס.
1 פראַנצויזישער שווערער פּאַנצער־וואָגן, מיט דער מאַנשאַפט.
2 דײַטשע טאַנקן — שיצן־פּאַנצער־וועגענער, מיט זייער מאַנשאַפט.
שפּעטער וועלן צוקומען:
פּוילישע פייערלעשער — 166 מאַן מיט די מכשירים.
1 באַטעריע אַרטילעריע מיט מאַנשאַפט.
אינזשעניעריש־סאַפּערישע ספּעציעלע אָפּטיילן צום דורכפירן מיני־רונגען און אויפרייסן.
די מאַנשאַפט פון די אַנדערע אָפּטיילן וועט פאַרגרעסערט ווערן.
דער סך־הכל:
אַן אַרמיי — סאָלדאַטן, אָפיצירן, אונטעראָפיצירן, מיט פולער אויס־בילדונג און פולער אויסריסטונג — אַן אַרמיי שטייט גרייט צו שטורעמען די געטאָ־פעסטונג.

אויך דער קאָמענדאַנט איז שוין פאַראַן אין וואַרשע. אַ גדול פון זיין מין, אַ דעלעגירטער פון הימלערן אַליין: יירגען סטראָפּ — ס״ס בריגאַדע־פירער און גענעראַל־מאַיאָר פון פּאָליציי.

11 אַזייגער אינדערפרי — אַ קאָנפערענץ ביים ס״ס און פּאָליציי־פירער פון וואַרשעווער דיסטריקט. אַ שטאַבסבאַראַטונג פאַר אַן אָפענסיווע. מען רעדט אַרום די פּרטים.

אין אוונט קומען פון דער פוילישער זייט ידיעות אָן אין געטאָ. דער אַלאַרם פאַרשפּרייט זיך איבערן געטאָ און די שאָפּ־געביטן. דער אַלאַרם וואַקסט.

אויך די קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע האַלט אַפּ אַ שטאַבסבאַראַטונג. אַפּעלן יעדע גרופּע. אויך דאָ זענען די לעצטע באַפעלן שוין אַרויסגעגעבן.

דאָס גאַנצע געטאָ איז אויף די פיס.

די נאַכט פון ערב פּסח.

אין דער נאַכט פלעגן אַמאָל די מאַמעס אונדזערע און באָבעס אויפזיין שפּעט. נישט באַוויזן פאַרטיק ווערן מיט אויפּציען דאָס בעטגעוואַנט. מיט שייערן און כשרן. די טאַטעס זענען אַרומגעגאַנגען מיט ליכט און פלע־דערווישן אין די הענט. ברויט־פּעניצלעך צונויפגעשאַרט אין הילצערנע לעפל — כדי יוצא צו זיין אַרויסרוימען דעם חמץ...

געטאָ איז אויף.

משפחות טראָגן פּעק, קלייבן זיך אַריין אין בונקערס. מענער דרייען זיך אַרום פאַרקלעמטע איבערן הויף. די פענצטער זענען שוואַרץ, פאַרטונקלט. אָבער ס׳רוישט אַ לעבן נאָך — אַ שווער געטראָפּנס — אין הייזער און אין קעלערס. מענטשן שעפּטשען...

12 אַזייגער ביי דער נאַכט — די קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע איז אַרויס פון אונטערערד.

עס גילט נישט מער קיין פּאָליציי־שעה. מיט געווער אין האַנט, אין דייטשע העלמען און מונדירן, גייען אַרויס אַ פּאָר פּאַטראָלן אויפן געטאָ.

זיי שפּרייזן איבער גאַסן, קלאָפּן, מעשה זעלנער, אין די טויערן. מען עפנט זיי מיט שרעק, מען דערקענט זיי מיט אַ שאַרפן ווייטיק און התפעלות.

אַ, קינדער יידישע! אַ, יינגלעך אייגענע! אַ, קעמפער!

דאָס שפּאַנט איבער די געטאָ־גאַסן, געטאָ־הייף, אַ פרשה יידישע געשיכטע. אויך פּוילישע, אויך וואַרשעווער...

אָ, אינזורעקציע יידישע!
זיי וועקן, וואָרענען. זיי רופן אַ ווידערשטאַנד צו שטעלן. אויף די ווענט פון געטאָ הענגט שוין דער מאַניפעסט פון אויפשטאַנד.7)
דער לעצטער אויפרוף, צו דעם לעצטן קאַמף, פאַרענדיקט מיט אַ לאָזונג: קעמפן... שטאַרבן... פאַרן כבוד פונם פאָלק!

צוויי אַזייגער ביי דער נאַכט. געטאָ ווערט אַרומגעשטעלט. צום דריטן און צום לעצטן מאָל — אַרומגעשטעלט.
קילאָמעטער לאַנגע מויערן, 3 מעטער די הויך. אַלע 25 מעטער אַ זשאַנדאַרם, אָדער אַ פּאָליציאַנט אַ גראַנאַטענער, באַוואָפנטע מיט ביקסן.
דער רינג איז שוין געשלאָסן.
2 אַזייגער מיט מינוטן פאַרנעמען זייערע פּאָזיציעס די גרופּן פון דער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע.
4 אַזייגער פאַרטאָג הויבן אָן אַריינמאַרשירן דורך די דרויסנדיקע טויערן די דייטשע אָפּטיילן. מאָטאָריזירטע און צופוס. נאָך זיי די וועגענער, מכשירים, אַמבולאַנסן.
אין קליינע גרופּן דרינגען זיי אַריין אין קיינעמסלאַנד, דעם אומבאַ־וווינטן — צווישן געטאָ און די שאָפּ־געביטן. ערשט דאָרטן נעמען זיי פאָרמירן זיך אין איינהייטן.
זיי האָבן אַ באַפעל זיך שטיל פאַרהאַלטן. די מאָטאָרן ברומען אויף אַ האַלבן גאַז, געדעמפּט.
אומזיסט די פאָרזיכט: געטאָ שלאָפט נישט! געטאָ האָרכט די טריט פון די, וואָס שלייכן ווי גנבים זיך אַרום די מויערן. ווי גזלנים.
ווי ווילדע שבטים להוטע אויף רויב און מאָרד. ווי רייסנדיקע חיות, וואָס ציען איין די נעגל.

דער טויער צום צענטראַלן געטאָ — גענשע־זאַמענהאָף — 6 אַזייגער פרי: זיי הויבן אָן אַריינמאַרשירן אינעווייניק...

VIII.

דאָרטביים טויער ליִנקס — אַ קליינער סקוועֶר. פאַרן בנין פונם יודענ־ראַט, אויף זאַמענהאָף־גאַס נ׳ 19.

דאָס אַריינמאַרשירטע מיליטער צעטיילט זיך אין צוויי קאָלומ־נעס. איינע שפּאַנט פאַר זיך, דורך זאַמענהאָף אַרויף, די צווייטע אויף רעכטס, לענגאויס דער מויער, וואָס טיילט אָפּ די גראָדע גענשע פון דער אומגראָדער. אין אַ פּאָר מינוט אַרום באַקומען ביידע זייער ערשטע גאָב.

אויפן ראָג פון גענשע־נאַלעווקעס, פון אַלע ראָגן מילע־זאַמענהאָף.

אין די הייזער נאַלעווקי 29, 31, 33 זענען פאַרמאַסקירט צוויי קאַמפּס־גרופּן. זיי לאָזן צו דעם שונא נאָענט — און מיטאַמאָל — זיי שיסן אויס פון אַלע עפענונגען, שליידערן אַראָפּ גראַנאַטן, צינדפלעשער.

דער שונא וואַרפט זיך מיטן פּנים אויפן ברוק. עס הויבט זיך אויף אַ העלפּט, עס בלייבן ליגן טויטע און פאַרוואונדעטע. די לעבעדיקע נעמען ענטפערן, פאַרשיטן די דריי הייזער מיט אַ האָגל קוילן פון מאַשינגעווער.

צוויי שעה אויפן זייגער האַלט אָן די שיסעריי. דערנאָך — טרעטן אָפּ — די דייטשן...

דער ערשטער קאַמף, דער ערשטער יידישער נצחון.

ערשט מיט צוויי שעה שפּעטער קומען זיי צוריק. אויפן ראָג נאַלעווקעס און פראַנטשישקאַנער שטעלן זיי אַ באַריקאַדע אויף. זיי צינדן אונטער די דריי הייזער. יידן צינדן אונטער אין פאַרטער אַ מאַגאַזין פון „ווערט־ערפאַסונג״.8) געטראָפן דורך אַ צינדפלאַש צינדט זיך אָן די באַריקאַדע. די שלאַכט גייט ווייטער. גאַנצע 6 שעה צייט האַלטן יידן די פּאָזיציע. זיי טרעטן אָפּ ערשט פאַר די פלאַמען — אָן אָן איינאיינציקן געפאַלענעם...

דער צווייטער פּונקט — אויפן ראָג פון זאַמענהאָף און מילע — נאָך אַ גרעסערע מפּלה פון די דייטשן. אַ קאָנצענטריש יידיש פייער פון פיר זייטן מיט אַמאָל. פון אַלע הויכע שטאָקן, פון די ביידעמער... די דייטשן באַווייזן נישט צומאָל צו ענטפערן אויף דער באַשיסונג. יידן אָבסערווירן,

זוי שונאים וואַלגערן זיך אין קאַלוזשעס בלוט. אַ דייטש, ביי וועלכן ס׳האָבן זיך אָנגעצונדן די מלבושים פון דעם „מאָלאָטאָוו־קאָקטייל״.

דער רעשט צעלויפט זיך אין די טויערן, אין געוועלב־טירן פון שכנות־דיקע הייזער, האָט מורא פון דאָרט דעם קאָפּ אַרויסצושטעלן.

אַכט אַזייגער — אויפן אָפּעראַציע־פּלאַץ ביים יודנראַט דערשיינט גע־נעראַל סטראָפּ. ער נעמט איבער די קאָמענדע.

די פּעולה איז דערוויל אַ קנאַפּע.

קעגן דער ווידערשטאַנדס־נעסט פון מילע־זאַמענהאָף לאָזט ער קודם אַרויס אַ פּאַנצער־אָפּטייל. פּאָרויס דעם שווערן פּאַנצער־וואָגן, נאָך אים צוויי לייכטערע טאַנקיעטן.

און זע — די ייִנגלעך, וואָס האָבן ביז היינט, נישט בלויז מיט שווערע וואָפן נישט געהאַט צו טון, נאָר באַנוצן זיך ס׳רוב צום ערשטן מאָל אין לעבן מיט געווער בכלל — זיי ווערן נישט נתפּעל.

זיי פּאַרמאָגן געוווּג קאַלטבלוטיקייט, כדי אויך דעם טאַנק צו לאָזן אונ־טערקומען ביז צום אָרט, וווּ זיי זאָלן אים קאָנען דערלאַנגען מיט דעם וואָרף פון צינדפלעשער. זיי צילן גוט — דער וואָגן צינדט זיך אָן. אויפרייסן, טויטע און אָפּגעבריטע דייטשן. דער שונא באַווייזט קוים אָפּצוציען מיט די אַנדערע צוויי וועגענער, וואָס פּאָרן נאָך פון הינטן. צווישן די וועגענער — די זעלנער, וואָס האָבן זיך ביז איצט באַהאַלטן אין די טויערן.

זיי זענען אַנטלאָפן.

די נייע וואַרשעווער טאַנדייט, די מלחמה־גאַלאַנטעריע פון נאַלעווקעס און שווינטאָיערסקע, די קריגס־אינדוסטריע פון יידישע כאַלופּניקעס אין געטאָ — זי האָט באַוויזן, אַז זי טויג צו עפּעס. די קוואַליטעט איז שוין געוואָרן אויסגעפּרוווט...

פֿון ראָג גענשע־נאַלעווקעס טראָגט מען נאָכאַנאַנד אַראָפּ הרוגים און פּאַרוווּנדעטע.

די איינע „סאַניטאַרע שטאַפּל״ קאָן זיך נישט קיין עצה געבן. מען אַליאַרמירט אין שטאָט נאָך סאַניטאַרע וועגענער. זיי טרומייטערן אַרום אי־בער די גאַסן.

דער דייטשער בראָך איז גרויס, די בושה נאָך גרעסער. מען וועט פּרוּוון איינרעדן די העכערע אינסטאַנצן, דער פּוילישער באַפעלקערונג,

אַז דאָס שיסן „פּוילישע באַנדיטן", באַהאַלטענע אין געטאָ. דייטשע דע־זערטערן, וואָס האָבן זיך מיט זיי פאַראייניקט. אָבי נאָר נישט קיין יידן...

פאַר יידן — אַ מאָמענט — דערקוויקן זיך מיט נחת פון נצחון אויף אַ קורצער אייביקייט...

אין צוויי שעה אַרום — סטראָפּ וויל מאַכן נאָך אַ פּרווו. ער שיקט אַרויס אַ נייעם אָפּטייל, באַפעלט פאַרסירן דעם אַדורכגאַנג. אָבער אויך דאָס מאָל — פון בוידעם זאַמענהאָף־גאַס 29 — אַ נייער פייער־איבערפאַל. אַזוי לאַנג ווי דער שונא וועט גיין דירעקט און אָפן, וועט דער וועג נישט ווערן פריי, וואָס ווערט געהיט דורך יידישע בחורים.

און צי עס פּאַסט אים, צי עס פּאַסט נישט — מוז ער אויפגעבן דערוויילדעם שטורעם, דער דייטשער גענעראַל.

„אין פראָנטאַלן אַטאַק איז געטאָ נישט געווען צו נעמען" — וועט שפּעטער שרייבן אַ פרעמדער קאָמענטאַטאָר. דער דייטש מוז אויסנוצן זיין טעכנישע איבערוואָג, די שווערע וואָפן.

אַט קרייזט שוין אַן אַעראָפּלאַן איבערן געטאָ. ער אָבסערווירט און פרעציזירט גענוי די ערטער. מען שטעלט אַן זעניט־קאַנאָנען אויפן שטח מחוץ דעם געטאָ. ער הויבט זיך אָן אַ באַשיסונג פון די הייזער, פון וועלכע עס איז געגאַנגען דאָס פייער פון די יידן.

דערצו איז נישטאָ קיין עצה. אין אָרדנונג נעמען אָפּטרעטן אַלע פינף גרופּן פון פאַרשידענע פּאַרטייען, וואָס האָבן דאָ געקעמפט.

דער „אָפּוועג דערפאַלג" דער יידישער — לויטן נוסח פון די דייטשע קריגס־קאָמוניקאַטן — איז אַן אומספּקדיקער. די „אָבזעץ־באַוועגונגען" דורך ביידעמער אויף „באַצייטנס צוגעגרייטע נייע באַזעס" גייט אַדורך אָן שאָדנס. אַיין קעמפער בסך־הכל האָבן די יידן פאַרלוירן אין דער שלאַכט אויפן ראָג פון מילע־זאַמענהאָף.

קאַמפן קומען פאַר ביז מיטאָג אויך אויף מוראַנאָווסקי־פּלאַץ. אויך דאָ פאַראַן — אַ סברה — אַ צעקלאַפּטער טאַנק, דייטשן טויטע און פאַרוואונדעטע. אויך דאָ איז דער ווידערשטאַנד דעם טאָג געבליבן נישט געבראָכן. אויך דאָ מוז סטראָפּ דעם המשך אָפּלייגן אויף מאָרגן.

האַלב 6 פאַרנאַכט נאָך איין „אומגעריכטער שטאַרקער ווידערשטאַנד" — דאָס מאָל אויף פראַנטשישקאַנער גאַס.

דער אָפּהילך פון דער שלאַכט טראָגט זיך אויפסניי איבער דער גאַנצער שטאָט, איבער פוילישע גאַסן. מענטשן, וואָס האָבן זיך נאָך פאַר־מיטאָג נישט צוגעהערט צו דעטאָנאַציעס, צום שטעפּן פון מאַשינגעווערן — ווערן איצטער ערשט געוואָר דעם אמת. פאַראַן געהיימע יידן צווישן אָט די מענטשן.

אַ זעץ אין האַרצן מיט אַ האַמער. אַ טויט־שרעק, אַ ווייטיק, אַן אַנט־ציקונג:

ע ס א י ז ג ע ש ע ן!

געכאַפּט דעם טאָג כמה וכמה יידן. דערפון געהרגעט, אַרויסגעשיקט אין לאַגערן — אַזויפיל און אַזויפיל. „צוליב דער צופאַלנדער טונ־קלקייט די אָפּעראַציעס פון דעם טאָג איבערגעריסן..."

אַזאַ איז דער נוסח פון דעם ערשטן דייטשן באַריכט פון געטאָ־פראָנט. „פאַרשטאַרקט די וואַכן אַרום די מויערן, אַרויס פון געטאָ..."

און מען האָט סדרים נאָך געפּראַוועט אין געטאָ יענעם מאָנטיק אין דער נאַכט — די ערשטע נאַכט פון אויפשטאַנד.

טיף אין בונקערס, אין דירות ווייסטע, אין וועלכע מען באַווייזט זיך נאָר אין די הפסקות... צום לעצטן מאָל זענען געזעסן יידן ביי געדעקטע טישן.

די הגדה געזאָגט...

און ס'האָבן די מעשים תעתועים פון פרעהן אין מצרים, זיך אויסגע־מישט מיט דעם, וואָס עס האָט געטון דער רשע היטלער.

משה ברבי אליעזר, ורבי יהושע, ורבי אליעזר בן עזריה, ורבי עקיבא...

ווי יענע חכמים פון בני ברק האָבן יידן וואַרשעווער דערמאָנט די נאַכט די ניסים פון יציאת־מצרים און גערעדט וועגן אַן אויפשטאַנד. גע־לויבט די מעשים פון די יונגע קעמפער — פון מילע און פון זאַמענהאָף, פון נאַלעווקעס און סמאָטשע.

דער רשע מוז פאַרלענדט ווערן, ווי פרעה מיט זיין חיל...

די בענקשאַפט זייערע צו גאולה איז געווען אין לשער.
אַלטער ניגון, ווערטער אַלטע.
זיי האָבן געוווסט, אַז זייער גורל איז אומצוקומען ביי דער שוועל פון אויסלייזונג.
און זיי האָבן געזונגען און געוויינט.
און ס'האָבן אַלט און יונג פאַראייניקט זיך אין דמיון מיט דעם באַ־פרייאונגס־קאַמף פון די קדמונים. אַ טייל פון זיי מיט יידישער באַפרייאונג און דעם קאַמף וועגן אַן אייגן לאַנד. אַנדערע מיט מענטשלעכע דערלייזונג, וואָס דאַרף קומען פאַר אַ ל ע.

אין אַ דירה אויף קורזשע־גאַס — אַמאָל קופּיעצקע, שפּעטער מייזעל־סאַ — האָט דעמלט געוווינט אַ רב.
אויף דער גאַס פון וואַרשעווער רב און פריינט פון פּוילישן אויפ־שטאַנד אין יאָר 1863 — אַ נייער למדן מיטן זעלבן נאָמען: מייזילש.
און ער האָט אַ גרוס פון ליבשאַפט צוגעשיקט פאַר די קעמפער.
ברכות הייסע און אויך פעקלעך מצות...
ווי די תלמידים פון רבי עקיבא, האָט מען זיי איינעם נאָכן אַנדערן גע־דאַרפט אַנצוהויבן צו באַקלאָגן אויף צומאַרגנס, פון דעם צווייטן טאָג פּסח ביז צו שבועות מזכיר זיין מיט טרויעריקן ניגון די, וואָס האָבן טאָג פאַר טאָג דאָס יונגע לעבן אַנגעהויבן ברענגען פאַר אַ קרבן.
אַ, „זיס און שיין איז שטאַרבן פאַרן פאָלק...“

און עס זענען טראַמוואַיען נאָך געגאַנגען דעם ערשטן טאָג, איבער באַ־ניפראַטערסקיע אויף זשאַליבאָזש, לענגאויס דער געטאָ־מויער. אויך פון הייזער, ביידעמער, אַנטקעגנאיבער געטאָ, האָבן מענטשן מוטיקע געקוקט אַ ה י ן.
און זיי האָבן דערציילט — זיי זעען — פ ע נ ע ר.
אַ בלאָ־ווייסע און ווייס־רויטע, וואָס הענגען בייאַנאַנד...
אַ קאַמף־רוף צו די יידן און אַ גרוס פון קאַמף צו די פּאָליאַקן.
וואָר צי אויסגעטראַכט, איז אָט די מעשה — שוין.
אין מויל פון פאָלקס־מענטשן האָט אַ לעגענדע זיך גענומען וועבן.
אַ פאָלקס־לעגענדע וועגן אויפשטאַנד פון די יידן...

IX.

אויפן ערשטן פּלאַן פון די ווייטערע צוויי אויפשטאַנד־טעג, רוקן זיך אַרויס די שאָפּן.

אין צענטראַלן געטאָ ווערן בלויז קלענערע גרופּן אַרויסגעשיקט. עטלעכע הונדערט דייטשן, וואָס נישטערן גאַנץ פּאַרזיכטיק אין שוין צע־קלאַפּטע, אויסגעברענטע הייזער. דעקן אויף עטלעכע בונקערס, שלעפּן דאָ און דאָרט אַרויס עטלעכע צענדליק יידן.

פאַרן צוטרעטן צו גרויס־פאַרניכטונג, וויל סטראָפּ וואָס שנעלער פּטור ווערן פון כלערליי „ריסטונגס־בעטריבן", וואָס לאָזן אים די הענט זיך נישט צופירן. פאַרלאַנגען פון אים לעשן שׂרפות, מאַגאַזינען און מאַשינען שוינען פאַר פייער און באַשיסונג.

— תיכף אַלץ אַרויספירן! — איז סטראָפּס באַפעל.

די דייטשע פירמע־אייגנטימער וואָלטן וועלן פאָלגן. זיי האָבן אַלץ נאָך דעם פּרווו נישט אויפגעגעבן, ביים געטאָ־פייער אָפּבראָטן אַ פעטן ביסן, זייערע פּראָפיטן ראַטעווען. זיי פּרווון איינרעדן די יידן, אַז „די אַקציע" איז אויסן „אָפּרייניקן" בלויז דאָס צענטראַלע געטאָ, דאָס אַרומשטעלן די „בלאָקן", — נישט אַריינצולאָזן „יענע".

די „באַנדיטן און פאַרברעכער" — די יידן פון דער קאַמפּס־אָרגאַני־זאַציע.

אָבער מען דאַרף דאָ גאַרנישט פון ערגעץ אַנדערש אַריינצולאָזן קיין „באַנדיטן". פאַראַן אויך דאָ — אין יעדן שאָפּ. זיי ווילן אַפילו נישט וואַרטן, ביז ס׳וועט קומען זייער ריי זיך צו פאַרטיידיקן. ביז וואַנען מ׳וועט זיך צו זיי נעמען — זענען זיי די אָנפאַלער.

ביי טעבענסן, בייביידע שולצן, ביי פירמע רעריך, פירמע האַלמאַן, פירמע שילינג. אויף לעשנאָ, נאָוואָליפּיע, אויף סמאָטשע און נאָוואָליפּקי — אומעטום שטייען זיי גרייט שוין פון דעם ניינצנטן ביינאַכט. זיי לויערן, זיי וואַרטן — אויף זייער צייכן, זייער שעה.

דעם 20 אַפּריל איז דער געבורנטאָג פון „פ י ר ע ר". פריש אויס־ראַזירטע, אויסגעפּוצטע, מאַרשירן זעלנער היינט צום יידן־הרגענען און יידן־פּייניקן אין געטאָ. דער אַפּעל היינט פרי איז פייערלעך געווען.

אין גענטאָ גופא שפּאַנען איז אַ מורא, דערוויל איז מען נאָך אָבער אויף דער צווייטער זייט פון מויער און מען פילט זיך זיכער.

ביי לעשנאָ, ראָג זשעלאַזנע, קרייצן זיך די וועגן. אויף רעכטס און לינקס שפּאַנען אַוועק צוויי מיליטערישע קאָלומנעס.

און צום צווייטן מאָל געלינגט די יינגלעך אונדזערע דעם שונא צו אי־בערראַשן.

לעשנאָ 76 און 74, לעשנאָ 36. אין דער געדיכטעניש ווערן געשליידערט גראַנאַטן, באָמבעס, פלעשער „מאָלאָטאָוו־קאָקטייל".

פון בוידעם־לעכער, הויכע שטאָקן, ווי נעכטן דאָרט.

טויטע און פאַרוווּנדעטע, באַגאָסענע מיט פייער פון פלעשער צע־קלאַפּטע אויף די העלמען.

נעכטן האָט מען זיי אויף זאַמענהאָף געזען אין זעלבן מעמד. ווי זיי לויפן ברענענדיקע, ווי זיי שפּרינגען, ווי זיי מאַכן מיט די הענט, איבערן קאָפּ, ווי מטורפים...

— אַ גוטע זאַך דער מאָלאָטאָוו־קאָקטייל — טראַכטן יידישע בחורים, וואָס האָבן נאָך מסתמא ביי זייער לעבן נישט קיין עוף און נישט קיין שום באַשעפעניש געטויט. זיי דורשטן נאָך נקמה...

פון די פענצטער סמאָטשע 8 און 10 ווערט מיט גוט געצילטע פלעשער אָפּגעשטעלט אַ טאַנק. ער איז צום שלאַכט־פעלד נישט דערפּאַרן.

אין איינעם פון די נאָענטסטע טעג וועט אין דעם ראַיאָן אַ צוויי־קילאָ־דיקע באָמבע אַרייַנגעשליידערט ווערן אין אַ פאַנצער־אויטאָ פול מיט מילי־טער.

און ווידער גרויס וועט זיין די פרייד, — כמעט אַ קינדישע — פון יונגע קעמפער און פון קעמפערינס.

דער וויטיק און באַדויערן פון די גרופן אין דעם בלאָק:

אונטערן בנין פון „בעפעלשטעלע" זשעלאַזנע 103 און אונטער דעם ברוק פאַר נאָוואָליפּיע 67 — פאַר זייערער אַ באַזע — האָבן זיי מיט שווע־רער מי פאַרלייגט צוויי מינעס. איצט האָבן די מינעס זייערע נישט אויפ־געריסן.

אַ שיסעריי ברעכט אויס. די דייטשן, די אוקראַאינישע משורתים פייערן, פאַראַן טויטע און פאַרוווּנדעטע פון ביידע זייטן. אין אַ אמתער באַלאַגערונג פון דעם געביט לאָזן זיי זיך אָבער נישט אַריין. די „רייניקונג" פון דעם געביט, לאָזט סטראָפּ דערוויל אויף שפּעטער. די זיגער זענען — אויך דאָ — געבליבן, אויף אַ קורצער צייט, די יידן.

די שלאַכט אויף שוויענטאָיערסקע־וואָלאָווע האָט זיך אָנגעהויבן דינסטיק נאָכמיטאָג.

דער בערשטער־שאָפּ, דער לעצטער מקום מקלט פאַר אַ טייל פון אָפּגעראַטעוועטן געזעלשאַפטלעך־פּאָליטישן אַקטיוו. אַ רעזערוואַר אַ גייסטיקער און מאַטעריעלער פון דער קאַמפּס־באַוועגונג.

דאָ זענען קאָנצענטרירט עטלעכע פון די בעסטע קאַמף־גרופּן פון די פאַרשידענע פּאַרטייען. אויך זיי שטייען שוין גרייט זינט יענער ערשטער נאַכט. דער שונא באַוואַכט דאָס דאָזיקע געביט ענערגישער פון אַנדערע. די פראָנט־הייזער ווערן באַלויכטן אין די נעכט מיט רעפלעקטאָרן, די פראָנטפענצטער ווערן די גאַנצע צייט באַשאָסן.

אונטערהאַנדלונגען אַרויסצופאַרן אין די אַרבעטסלאַגערן דערפירן נישט צו גאָרנישט.

„די יידן זענען בשום אופן נישט געניויגט דאָס אָרט צו פאַרלאָזן" — נאָטירט דער דייטש אין זיין באַריכט. צווישן 2 און 3 נאָכמיטאָג באַפעלט ער אָנווענדן געוואַלד.

אַ קאָלומנע מיליטער דערנענטערט זיך צום טויער אויף ראָג וואָלאָווע און פראַנטשישקאַנער, וואָס פירט צום בערשטער שאָפּ. דער דייטשער וועכטער באַווייזט נישט עפענען דעם טויער. אַ הילך אַ מעכטיקער שרעקט אויף די גאַנצע געגנט. אַרום די הייזער טוען זיך אַ טרייסל. אין סאַמע מיט פון דער קאָלומנע עפנט זיך די ערד אונטער די פיס פון דייטשע זעלנער.

אַ מינע האָט דאָ געוואַרט פון לאַנג אויף זיי. און זי האָט נישט פאַרפירט.

אין הויז וואָלאָווע 2 אויף איינעם פון די שטאָקן — איז פאַראַן אַן אָבסערוואַציע־פונקט. דאָ האָט זיך אויך געפונען דער עלעקטרישער שאַלטער צו דער מינע. די ייִנגלעך אָבסערווירן איצט דעם רושם. קערפּער — פליען אין דער לופטן, שטיקער אברים. אויף דער ערד דערהרגעטע, באַטויבטע און פאַרוווּנדעטע. אַ נעבעכדיקער רעשט בלויז הויבט זיך אויף און גייט אַ הינקענדיקער, איינגעבויגענער אַוועק — צוריק...

זעטיקט אַן אייך מיט דעם אָנבליק, יונגע קעמפער! דערקוויקט די הערצער אייערע, ווי לאַנג עס לאָזט זיך, מיט נקמה!

דער אַלאַרם דערגייט צו סטראָפּן. ער פאַרלאַנגט פון זיינע זעלנער דורכאויס דאָס דורכפירן די אויפגאַבע. (ווי גוט איז פאַר די יידן, ווען זיי קענען זען דעם שונא און קעמפן מיט אים פון דער נאָענט).

פול שרעק און פאָרזיכטיקייט, איינציקווייז, לאָזן זיך די זעלנער איצט

•

לענגאויס דער מויער וואָלאָווע און שוויענטאָיערסקע. איינגעהויקערטע, די אויטאָמאָטן אין די הענט, די קעפּ אַראָפּגעבויגן...

אַ האָגל קוילן און גראַנאַטן, צינדפלעשער. אַן אויסגעדינטער זעלנער צילט און שיסט פון אויבן פון אַ ביקס.

און פּונקט, ווי נעכטן אין צענטראַלן געטאָ: די צאָל פון אָנגרייפער געפאַלענע און פאַרוואונדעטע איז גרויס, די צאָל קרבנות צווישן די פאַר־טיידיקער אַ קליינע. דערווייל גייען די דייטשן נישט אַדורך...

פון עטלעכע צענטליק זעלנער, וואָס האָבן זיך אין בלאָק אַריינבאַקור־מען, בלייבט קיין העלפט נישט. זיי ציען ווידער זיך צוריק.

די צייט פאַרגייט. עס דערנענטערט זיך דער אָוונט. פּלוצים טוט אין לופט אַ דונער דער הילך פון אַ קאַנאָן. דאָס איז די 10־צענטימעטערדיקע הויביצע. פּונקט, ווי נעכטן, מוז סטראָפּ אָנקומען צו שווערע וואָפן. אויך דריי קלענערע קאַנאָנען הויבן אָן צו באַשיסן דאָס שאָפּ־געביט. אַ מאַשין־געווער ווערט אויפגעשטעלט אויף ראָג פון נאָוויניאַרסקע־פראַנטשישקאַ־נער.9) פון אַלע זייטן אַ באַלאַגערונג. נאָך דער אַרטילערישער צוגרייטונג הויבט זיך אָן איינגיכן אויף אַ נייער שטורם פון צוויי זייטן מיטאַמאָל.

אַ שטאַרקע שטורמגרופּע רייסט זיך אַריין פון פראַנטשישקאַנער גאַס. זיי זענען שוין אַריינגעדרונגען אין די הייזער.

און זיי — די ייִנגלעך ייִדישע און מיידלעך — זיי זענען ווידער נישט נתפּעל געוואָרן — פון די קאַנאָנען, פון דעם געפּעכט — ווי זעלנער וואָלט געקעמפּט אַקעגן זעלנער. זיי ברעכן זיך נישט איין, הגם קרבנות פאַלן איצט שוין איינער נאָכן אַנדערן.

אויף טרעפּ, אויף בוידעמער, ביי קוימענס — ווערט געפירט דער קאַמף. אויף רעכטס און לינקס פאַלן אַוועק פאַרטיידיקער. זיי האָבן דעם באַפעל זיך נישט צו לאָזן נעמען אין צוויי פייערן. און דער באַפעל ווערט אויסגע־פירט. די דייטשן פון די בוידעמער פאַרטריבן.

פאַר די פראַנטהייזער דערווייל — אַן אויסטערלישער חידוש: דייטשע פאַרלאַמענטאַריער!

דער דייטשער ווערקפירער מיט אָפיצירן פון עס־עס. זיי קומען פאַר־לייגן די יידן „וואָפנשטילשטאַנד”, כדי אַראָפּצוטראָגן די טויטע און פאַר־וואונדעטע, כדי אויפסביי צו אַגיטירן די יידן אַרויסצופאָרן קיין פּאָניאַטאָוו.

אומזיסט די טרחה. די יידן גלויבן נישט און ווילן מער נישט רעדן מיט די דייטשן. זיי שטעלן נישט אָפּ דאָס שיסן אויף קיין איין מינוט.

מען שיסט פון אַלע הייזער, אַלע פענצטער, אַלע שטאָקן. עס שיסן מענער און עס שיסן — פרויען. די דייטשן באַמערקן עס צום ערשטן מאָל איצט. זיי ווערן אַזש נשתומם.

ניין, די דאָזיקע יידן וועלן דאָס נעבעכדיקע געווער זייערס גוטוויליק נישט לייגן.

דעם צווייטן טאָג גאַנץ פרי באַשטעלט סטראָפּ אַ ספּעציעלע אָפּטיילונג סאַפּערן און פּיאָנערן. נישטאָ קיין ברירה. מען קען נישט ראַטעווען קיין דייטשע מאַגאַזינען.

זיי ברענגען נויטיקע מכשירים, זיי שלעפּן פעסער מיט בענזין. זיי פירן פאַכמעניש אַדורך די אויפגאַבע. דאָס א ו י פ ר ײ ס ן און א ו ב ־ ט ע ר צ י נ ד ן...

פון דריי זייטן מיטאַמאָל הויבט אָן דער בלאָק צו ברענען.

די ערשטע גרויסע שׂרפה אין געטאָ.

עס הויבט זיך אָן דאָס גהינום.

...מחנות מענטשן פון באַהעלטענישן אַרויסגעיאָגטע, אין לעצטער רגע אַנטלאָפענע פון פלאַמען. מענטשן, וואָס ווייסן זיך נישט ווי צו ראַטעווען, און אויך נישט וואָסער טויט זיי זאָלן אויסקלייבן. משפחות גאַנצע, שפּרינ־גענדע פון הויכע שטאָקן. פּרוּוון זיך צו ראַטעווען, אויסגעמישט מיט זעלבסטמאָרדן...

דאָס בילד איז בולט.

צעשמאָלצענער אַספאַלט, אַפילו ס׳גלאָז פון די שויבן אַרויסגעפאַלענע פון דעטאָנאַציעס: אַלץ הילצערנע צעפלאַקערט, אַלץ שטיינערנע, אַלץ אייזערנע צעגליט. נישטאָ קיין לופט צום אָטעמען, די בלויזע היץ הרגעט פון דער ווייטן. די גופים ווערן פאַרקוילט. אַ גערוך פון פלייש פאַרשרפעטן טראָגט זיך מיטן ווינט.

דאָס בילד איז פאַרטיק, אַזוי וועט אויסזען אינגיכן אין געטאָ אומע־טום.

די קאַמף־איינהייט פון בערשטער־בלאָק האָט נישט בדעה לעבעדיק פאַרברענט צו ווערן. אין אָוונט מאַכן זיי אַ פּרוּוו אַרויסצובאַקומען זיך פון דעם געביט.

די גרופּן קלייבן זיך צונויף. געוואַגט און מוטיק, גוט אָרגאַניזירט — רייסן זיי זיך אַדורך דורך דעם פּלאַם פון ברענענדיקע הייזער. זיי רייסן זיך אַדורך דורך דעם רינג פון דער אַרומשטעלונג.

אין אַ שעה אַרום באַזעצן זיי אַ נייע קאַמפּסבאַזע אויף פּראַנטשישקאַנער גאַס.

הינטער זיך האָבן זיי געלאָזט אַן אָרט פון פייער און פון מוראדיקן אומגליק. די לעצטע נאָענטע מענטשן... פאַר זיי האָט זיך געשפּרייט אַ שטח פון נייע שרעקלעכע נסיונות, פון פּיין און גרויל.

זיי זענען אַנטשלאָסן צו טון דאָס זייעריקע ביז צום סוף.

X.

די ערשטע טעג פון קאַמף — שיר נישט טעג פון יידישע נצחונות!

„די ערשטע וואָך פון אויפשטאַנד, טראָגט בולט דעם כאַראַקטער פון מיליטערישע אָפּעראַציעס" — שרייבט ווער אין אַ פּוילישן באַריכט. אין נעסטן פאַרבאַהאַלטענע אויף הויכע שטאָקן, — אין פענצטער־ני־שעס, בוידעם־לעכער, אויף באַפעסטיקטע באַלקאָנען...

דאָרטן זיצן און פון דאָרטן שיסן יידן.

שטריכן פון אַן אַטאַקירטער שטאָט:

דער פאַרטיידיקער איז זיכערער אין אָנהויב, ווי דער אָנגרייפער.

דער אָנגרייפער מוז אויף דער אָפענער גאַס אַרויסטרעטן, אָפטמאָל אָן אַ דעקונג. די טאַנקן זיינע זענען אויסגעשטעלט אויף אויפרייסן און אונ־טערצינדונג. דער פאַרטיידיקער קאָן אויך געוויינלעך בעסער דאָס געביט.

דאָס זעלבע איז אין געטאָ. מאָדנע איז נאָר, וואָס אונדזערע קעמפער — יונגע, אומדערפאַרענע, אָן אַן אייגנטלעכער מיליטערישער אויסבילדונג — האָבן אָט די ביידע מעלות אין דער פולער מאָס באַוויזן אויסצונוצן. אַטאַ־קירט — פון אויבן — און פאַרטיידיקט די פּאָזיציעס, ווי לאַנג ס'איז נאָר געווען מעגלעך. געהאַלטן יעדן פונקט ביזן לעצטן מאָמענט און שטענדיק כמעט באַוויזן דורכפירן דעם ריקצוג צו דער צייט. מיט נישטיקע פאַרלוסטן אָפּטרעטן דורך וועגן, וואָס נאָר זיי, די קינדער פון דער געגנט, האָבן אַזוי גוט געקענט.

ביז אַהער איז אַלץ „נאַטירלעך".

דערנאָך קומט אַ מאָמענט, ווען אַלץ ווערט קשה — אַנדערש, ווי ביי אַנדערע.

עס קומט אַזאַ מין מצב, ווען אַנדערע — קאַפּיטולירן.

די יידן נישט.

ווי איינציק אין איר מין עס איז די לאַגע פון די יידן, אַזוי איינציק־אַרטיק, וווּנדערלעך, ווערט איצט זייער האַלטונג.

ווידערשטאַנד פּאַסיווער און אַקטיווער ביז צום סוף. אַפילו — נאָכן סוף.

נאָך די ערשטע צוויי, דריי טעג, נאָך די פאַרלוסטן אין מענטשן און מכשירים, האָט דער דייטש כמעט זיך אָפּגעזאָגט פון שטורעמען די־רעקט באַפעסטיקטע פּאָזיציעס.

קאַנאָנען, אַעראָפּלאַנען, שווערע וואָפן, דינאַמיט...

דער שונא לאָזט אויפשפּילן זיין גאַנצע איבערוואָג — די טעכנישע — ער נעמט צו הילף די עלעמענטן: פייער, וואַסער, ער פאַרסמט די לופט אין די קאַנאַלן.

וועלכן ייד איז עס איינגעפאַלן צווערשט: באַהאַלטן זיך אין די קאַ־נאַלן?...

און עס האָבן זיך אָנגעהויבן די טעג פון שריפות און פון שווערע וואָפן.

די דייטשן שפּאַנען שוין נישט איבערן געטאָ אין קאָלומנעס, אין גע־דיכטע רייען — אַ צוגענגלעכער ציל פאַר יידישע אַטאַקן. אין קלענערע „דורכקעמונגס־שטויסטרופּן"... היינט דאָ און מאָרגן דאָרט. אין געוויסע טעג — אויף אַלע געביטן מיטאַמאָל... אַמאָל גאַנץ פרי, אַמאָל ערשט 9, 10 אָפילו 11 אַזייגער... כדי די יידן זאָלן מיינען, אַז די אַקציע איז שוין גע־ענדיקט, אפשר כאָטש איבערגעריסן.

מען פאַרשפּרייט ידיעות פאַלשע, „פּאַרטלען" ווערן אָנגעווענדעט, כדי די יידן צו צעחושן.

זיי „קעמען" ס׳געטאָ מיט אַן אייזערנעם קאַם.

כדי אַרויסצושלעפּן די מענטשן, די איינגעשטשעמעטע אין דער ערד. די לעבעדיקערהייט אין ערד אַריינגעגראָבענע...

פון צייט צו צייט אַ גרויסער איבערפאַל אויף אַ געביט. „אַן איינזאַץ פון די הויפּטקרעפטן".

זיי צייכענען זיך אויס דערביי מיט „איינזאַץ־פריידיקייט" — לויבט סטראָפּ דעם גייסט פון זיינע זעלנער.

מיט פריידיקייט... אָ, גאָט...

קאַנאָנען, אויסשפּירונג און באָמבעס פון דער לופט. אַן אַקציע אין די קאַנאַלן — גאַז און דינאַמיט פון אונטן. דער עיקר אָבער דאָס אוראַלטע און פּשוטע, דאָס סאַמע ווירקזאַמסטע און — ביליקסטע — דאָס מיטל: פ יי ע ר . . .

די גרויסע מיטל קאָמבינירט מיט קליינע, קלענסטע: אַפּאַראַטן צום אונ־טערהערן, שפּיר־הינט...

ווז קאַנאָנען שטייען, קאָנען ייִדן נישט קיין צוגאַנג האָבן. לעשן פייערן — נישטאָ מיט וואָס. אַעראָפּלאַנען אָפּטרייבן — אוודאי נישט.

פאַר דייטשן קעמפט דער גולם: טעכניק.

ערשט ווען אַ הויז ברענט, אָדער אַ הויז איז אויפגעריסן, קומען דייטשע זעלנער נענטער צו.

די ייִדן מוזן בייטן זייער טאַקטיק.

די מעגלעכקייט פון קאַמף פאַר ייִדן, הערט צייטנווייז אינגאַנצן אויף. אינגיכן וועט אויך אָנהויבן צו פעלן אַמוניציע.

דער קאַמף האַלט אָן פונדעסטוועגן. דער ווידערשטאַנד איז נישט געבראָכן.

כמאַרעס רויך און פלאַמען־וואָלקנס האָבן אַרומגעקנוילט דאָס געטאָ מיט אַ שלייער.

אַ שוואַרץ־גראָען, אַ געל־רויטן, אַ זשאַוער־פאַרבענעם.

פאַרהילט אויף טעג דעם האָריזאָנט, פאַרשטעלט — די קעמפער.

דעם בליק געבלענדט — דעם אויפגעריסענעם, פאַרשטאַרצטן.

צי שרייט נאָך ווער פון דעם געוויי אַרויס? דער שריפה־שטורעם הודזשעט. צי לעבט דאָרט ווער נאָך? צי קען דאָרט ווער נאָך —קעמפן?

ס׳טיילט זיך אויס פון פלאַמען־ברויז אַ סלופּ אַ רויטערער, אַ העכערער פון אַלע.

אַ נייע פייער־זייל פון אַ ניי געצונדן הויז.

אַ פייער־זייל...

דאָס זענען זיי.

צווישן דעטאָנאַציעס — אַ העכערע.

דאָס זענען גרוסן בלוטיקע און ברענ‍יקע פון דאָרט.

ידיעות אָפּגעריסענע פון מוראדיקסטן שלאַכטפעלד.

מיט וואָכן, מיט חדשים שפּעטער דערגייען זיי צו אונדז, אַמאָל מיט יאָרן.

מיר מוזן אויפקלייבן זיי אַלע, מיט אַלע פּרטים.

קיין איינער זאָל נישט פאַרלוירן גיין פאַר פאָלקס זכרון.

ווי עס האָט געברענט רוים און ווי עס האָט געברענט ירושלים...
אַזוי האָט געברענט דאָס געטאָ, אַן אַרומגענומענס פון אַלע זייטן מיט אַ פייער און מיט אַ דרייפאַכיקן רינג פון שונאים...

ווי טיטוסן מעכטיקע, ווי נעראָנען הערלעכע, האָבן זיי געמוזט זיך פאַרקומען — די האַרן פון אַזוי פיל אומגליק און פאַרניכטונג.

די רעזשיסערן און די מיטשפּילער פון דעם ספּעקטאַקל. דער גענעראַל סטראָפּ, די אַדיוטאַנטן זיינע. און ס׳האָט אַפילו נישט פאַרפעלט ביי זיי געשמאַק צו דעם באַוווּנדערן דערשיינונגען. באַשרייבן זיי. פאָטאָגראַפירן.

נישט געווען דאָ קיין יאָזעפוס פלאַוויוס אין דער קוואַטיר פון שונא. נישט געווען, ווער עס זאָל דעם נייעם יידישן קריג אָנהויבן באַשרייבן טאָג פאַר טאָג.

און ס׳איז דער שונא אַליין געוואָרן דער בעל פנקס, אין די ראַפּאָרטן און באַריכטן זיינע — סטראָפּ.[10]

פאַראַנען מעשים, פון וועלכע קיין יידישע עדות זענען נישט פאַרבליבן מער. פאַראַנען פאַקטן, וואָס יידן האָבן שוין נישט געקאָנט דערציילן. זיי זענען אומגעקומען. זייער רעפּאָרטער און פאָטאָרעפּאָרטער איז סטראָפּ.

דאָרט, וווּ יידן ווייסן שוין נישט איבערצוגעבן גאָרנישט וועגן קאַמף, נעמט ער אַ וואָרט — דער תליון — און ער גיט אָפּ אַ צייגנשאַפט פון יידישער גבורה.

„נישט ווילנדיק האָט דער דייטשער גענעראַל געשאַפן אַן עפּאָס פון יידישער העלדישקייט". — האָט געזאָגט וועגן סטראָפּס ראַפּאָרט אויפן פּראָצעס אין נירנבערג דער אַמעריקאַנער פּראָקוראָר.

ער איז געווען גערעכט.

און אויך אַ דאָקומענט פון פּיין און אומקום יידישן, אַ דאָקומענט פון דייטשער ירידה און אכזריות — אין לשער.

עס איז דאָס אומגעשריבענע געזעץ פון דעם פאַרברעכן — לאָזן שפּורן. עס איז דאָס רעכט דאָס אומגעשריבענע פון דער געשיכטע, צו קלייבן זיך איר ווערקצייג, ווו זי קאָן.

XI.

אַ קאַלענדאַריום פון דעם אויפשטאַנד קאָן מען אויפשטעלן פון די ידיעות — די דעמלטיקע און שפּעטערע. די יידישע, די פּוילישע, די — דייטשע.

אָט איז אַ שורה דאַטן, עפּיזאָדן.

יעדע דאַטע — אַ דאַטע פון אַ מאַסן־דראַמע. יעדער טאָג אַ יאָר, יעדע נאַכט אַן אַפּאָקאַליפּסע פון רויטע פלאַמען אויפן הימל.

דעם און דעם אַנטפּלעקט אַזויפיל און אַזויפיל בונקערס, דעם און דעם אַזויפיל און אַזויפיל...

איעדער בונקער — אַ געשיכטע — אַ מענטשלעכע, אַ טראַגישע.

איעדע משפּחה, איעדער מענטש — אַ טראַגעדיע אַ באַזונדערע און געשלאָסענע פאַר זיך. ווער וועט זיי אויפשרייבן, ווער וועט זיי איבערלייענען — די דאָזיקע געשיכטן, די טראַגעדיעס, די דראַמעס?

איעדעס קאַפּיטל, איעדער אַקט זענען צו זיך אַזוי ענלעך — אַזוי אַנדערש...

דעם 22טן אַפּריל ביי סטראָפּן:

„...פון כלומרשט פרייע הייזער... אַ גאַנצע נאַכט צו אונדז געשאָסן... 15 בונקערס אויפגעריסן... יידן פאַרשאָטן אונטער חורבות... אַרויסגערויכערט... אונטערגעצונדן הייזער (שוויענטאָיערסקע, פראַנטשישקאַנער, מוראַנאָוו)... אין מאַסן און משפּחה־ווייז, זענען זיי געשפּרונגען פון די פענצטער, פון פייער שוין אַרומגעכאַפּטע. אויף ליילעכער צונויפגעקניפּטע, זיך געפּרוווט אַראָפּלאָזן, פון שריפה צו אַנטרינען. עס איז געזאָרגט געוואָרן, אַז די דאָזיקע יידן, ווי אויך אַנדערע, זאָלן ווערן ליקווידירט... ווידער אַ ידיעה, אַז יידן האַלטן זיך אויף אונטערן געטאָ אין די קאַנאַל־רערן. מען קאָן דאָס ליידער נישט פאַרהינדערן. דאָס פאַרגיסן די קאַנאַלן, האָט זיך נישט איינגעגעבן. די שטאָט־פאַרוואַלטונג האָט צום באַדויערן קיין עצה נישט דערצו. אויך דאָס אַריינגיסן אין וואַסער קרעאָזאָט,

דאָס אַריינלאָזן פון „נעבעלקערצען"11) אין די קאַנאַלן — איז דערוויל נאָך ווינציק ווירקזאַם — לײדער..."

מען מוז נאָך מעלדן, אַז מען איז פון דער אַרישער זייט געוואָרן באַ־שאָסן. מען האָט געכאַפּט און ליקווידירט פּאַליאַקן — 35 מאַן. פאַרן טויט האָבן די פּאַליאַקן אויסרופן געמאַכט.

יידן געכאַפּט... אַרויסגעפירט... געשאָסן — אַזויפיל און אַזויפיל.

געגומען זאַקרויב...

„פאַרבינדונג מיט דער ווערמאַכט — טאַדעללאָס".

דער 23טער אַפּריל, ביי סטראָפּן:

„3.500 יידן צוגענומען, געשאָסן 200, בונקערס אויפגעריסן 48.

באַשיסונג פון דער מויער־וואַך. עס זענען געוואָרן אונטערגעצונדן הייזער, פון די הייזער און באַלקאָנען האָבן געשאָסן די יידן ביז צום סוף... ביקסן... בונקערס ראַפינירטע... געווער און אַמוניציע... אין איין פאַל גאַז־מאַסקעס געפונען..."

די יידיש־פּוילישע מקורים:

דעם 23טן, אַן אויפרוף צו דער פּוילישער באַפעלקערונג:

„פּאָלאַקן, בירגער, זעלנער פון דער פרייהייט... עס גייט אַ קאַמף... אַ יעדע שוועל אַ פעסטונג... מיר מעגן אומקומען — מיר וועלן זיך נישט אונטערגעבן... פאַר אוישוויץ און טרעבלינקע, פאַר בעלזשעץ און מאַידאַ־נעק... נקמה..."

דעם 23טן איז פון געטאָ אַ בריוו געקומען פונם קאָמענדאַנט. ער שרייבט צו זיין פאַרטרעטער:12)

„וואָס מיר האָבן אַדורכגעלעבט קאָן מען מיט קיין ווערטער נישט אַרויסזאָגן... דער חלום איז געוואָרן וואָר... די זעלבסטפאַרטיידיקונג... ווי מענטשן לעבן איצט אין געטאָ, דאָס לאָזט זיך נישט באַשרייבן... יחידים בלויז וועלן פאַרבלייבן... זיי געזונט... מיר וועלן זיך נאָך טרעפן... אפשר..."

ער קינדיקט אָן דעם איבערגאַנג צו פאַרטיזאַנען־טאַקטיק. דאָס ווערט אַדורכגעפירט. די זעלבע נאַכט איבערגרופּירונג... דער אַקטיוו איז קאָנ־צענטרירט אין עטלעכע בונקערס — אויף מילע, אויף פראַנטשישקאַנער. צו אַנדערע בונקערס ווערן קעמפער־גרופּן צוגעטיילט. צום האַלטן אָרדנונג, צום פאַרהיטן פּאַניק, צו פאַרטיידיקן. זיי וועלן אויפקומען אין די מאָ־מענטן, ווען די דייטשן וועלן זיך דערקלייבן צו די הייזער.

אויסשפּיר־גרופּן אין די נעכט. פֿאַרבינדונגס־מענטשן צווישן גרופּן, וואַך־פּאָסטנס, וואָס לויערן צווישן די חורבות. וואָס וואַכן פֿון אויבן, וואָס וואָרענען, וואָס גיבן צייכנס — ווען צו אַטאַקירן...

מחנות מענטשן אין בהלה. אַנטלויפֿן פֿון די דייטשן, פֿון די פֿלאַמען. און זיי — די קעמפֿער — צווישן אָט דער שרעק און אומגליק — זיי האָבן מוט און כוח אַדורכצופֿירן אויפֿגאַבעס, באַפֿעלן, אויסצופֿירן פּלענער...

ד עם 24 טן. אַנטפּלעקט אַ גרופּע יידישע קעמפֿער אויף פּראַגע. זיי האָבן זיך פֿאַרטיידיקט מיט צינדפֿלעשער, גראַנאַטן. אַ דייטשן מאָטאָר־וואָגן אונטערגעצונדן, פֿאַרוואונדעט דייטשן, געפֿאַלן... אין געטאָ־ווינבלאָקן אַ פֿאַרביסענער ווידערשטאַנד דעם טאָג. שריפֿות, 274 יידן אין קאַמף דערשאָסענע.

ד עם 25 טן אַ באַפֿעל צו עוואַקואירן ביז 12 אַזייגער די יידן פֿונם טעבענס־בלאָק אויף לעשנאָ. אַן אולטימאַטום. דערנאָך ביז 6 פֿאַרנאַכט... עס מעלדן זיך געציילטע. דער רעשט באַהאַלט זיך אין די בונקערס. די קעמפֿער פֿון דעם געביט שלײַדערן גראַנאַטן. סטראָפּ שרייבט — „ווידערשטאַנד מיט וואָפֿן”. ער שרייבט: „אויב נעכטן ביינאַכט איז דער הימל איבערן געטאָ געווען איבערגעצויגן מיט אַ פֿייער־אָפּשיין, איז היינט איבערן געטאָ אַ ריזיקער פֿלאַמען־ים צו זען...”

ד עם 26 טן: „30 בונקערס אויפֿגעריסענע. 362 געפֿאַלענע אין ווידערשטאַנד... ווידערשטאַנד אויף יעדן טריט... בעת דער שריפֿה פֿון אַ הויז — אַ געהיימע אַמוניציע־פֿאַבריק — אין לופֿט אַרויסגעפֿלויגן...”

ד עם 27 טן — די ניזקע־גאַס אונטערגעצונדן. סטראָפּ שרייבט: „זיי האָבן געשאָסן ביזן לעצטן אויגנבליק און זענען דערנאָך געשפּרונגען פֿון די הויכע שטאָקן, נאָכן אַרויסוואַרפֿן פֿון קישנס און מאַטעראַצן, אָבער ערשט דעמאָלט, ווען זיי האָבן שוין, צוליב דעם פֿייער, קיין שום אויסוועג נישט געהאַט... 115 יידן דערהרגעטע אין קאַמף...”

דעם זעלבן טאָג אַ קאַמף אויף מוראַנאָווסקע „אַרישע”, אויף נומער 2. 120 מאַן גלענצנד באַוואָפֿנטע, וואָס זענען אָנגעקומען אַהער דורך אַ טונעל פֿון מוראַנאָווסקע 5 — סטראָפּ שרייבט: „מונדירן פֿון עס־עס לייט, העלמען דייטשע, אויך אַ מאַשין־געווער. אונטערגעצונדן דאָס הויז, 24 יידן אינם קאַמף דערלעדיקט. מיט קללות קעגן דייטשלאַנד און בזיונות אויפֿן פֿירער זענען זיי געשפּרונגען פֿון די ברענענדיקע פֿענצטער און באַלקאָ־

נען...״ אויך 17 פּאָלאַקן האָט מען דערביי געהרגעט פאַר איבערהאַלטן ייִדן, צוויי פּוילישע פּאָליציאַנטן פאַר נישט מסרן... דאָס פאַרענדיקן די שלאַכט געמוזט אָפּלייגן אויף מאָרגן...

ד ע ם 2 9 ט ן אַן אַקציע אויף די גאַסן נאַוואָליפּיע און נאַוואָ־ליפּקי, די בלאָקן פון די פירמעס שילינג, האַלמאַן שולץ... טיפע בונקערס שטאַרק באַפעסטיקטע און גוט באַוואַכטע. צו איינעם צוגעקומען ערשט דורך איינוואַרפן אַ הויז. „שטאַרקער ווידערשטאַנד. ביים אויפרייס זענען אומ־געציילטע ייִדן אומגעקומען. אַן אַמוניציע־מאַגאַזין איז אַרויסגעפלויגן אין דער לופט. געפונען אין די בונקערס אַ סך געווער און אַמוניציע, אַ גרעסערע צאָל דייטשע העלמען און מונדירן.״

דעם זעלבן טאָג איז אַ גרופּע קעמפער אַרויס פון טעבענס־בלאָק דורכן קאַנאַל אויף אַגראַדאָווע גאַס. נאָר טיילווייז זיך געראַטעוועט. אַ טייל איז געבליבן נאָך אויף לעשנאָ. סטראָפּ קאָן נישט רוען, וואָס ייִדן באַנוצן זיך מיט דער קאַנאַל־נעץ. ער באַפעלט דעם טאָג אַ צאָל אויסגאַנגען פון די קאַנאַלן אויף דער פּוילישער זייט אויפצורייסן, אָדער צו פאַרמויערן.

ד ע ם 3 0 ט ן אַ פּ ר י ל — דער המשך פון דעם קאַמף אויף נאַוואָ־ליפּיע־נאַוואָליפּקי. סטראָפּ שרייבט: „ביים באַקעמפן פון אַ בלאָק — גע־מוזט באַנוצן אַ קאַנאָן.״ ער ווערט געוואָר — ס׳אינטערעסירט אים — אַז באַוואָפנטע ייִדן האָבן די באַפעלקערונג געהיט פאַר אויפדעקונג. געהיט די מענטשן זיי זאָלן נישט אַרויסגיין פון די בונקערס אַפילו אין די נעכט, כדי זיי זאָלן נישט לאָזן קיין שפּורן. פאַרמאַסקירט די אַרויסגאַנגען פון דרויסן, געדראָט מיטן דערשיסן, צו דיסציפּלין געצוווּנגען...

ד ע ר 1 ט ע ר מ אַ י.

אַ גרענעץ־סלופּ, אַ פייער־זייל אין דער געשיכטע פון דעם אויפ־שטאַנד. דאָס גהינום אין געטאָ דערגרייכט דעם העכסטן שטאַפּל.

פון אַן אוידיציע פון דער פּוילישער געהיימער ראַדיאָ־סטאַציע „שוויט״ — דערמאָנען זיך די קאַמף־גרופּן וועגן דעם יום־טוב. אַלע קאַמף־גרופּן, באַפאַרבטע אַזוי צי אַנדערש, זענען סאָציאַליסטישע.

1טע מאַי־אַפּעלן אין בונקערס, אָדער אויף די חורבות פון אויפגע־ריסענע און אויסגעברענטע הייזער. ביי אומשטענדן אַזעלכע, ווי נאָך אין ערגעץ קיינמאָל. נישט בלויז מיט דרשות פון חברים פייערט מען דעם יום־

טוב. מיט האָרכן די ערשטע־מאַי־אוידיציע פון מאָסקווע. מען פייערט אים מיט אַקציעס ספּעציעלע קעגן שונא.

אַ גרופּע פון מילע איז אַרויס אינמיטן טאָג אויף נאַלעווקעס 47. דער־וואַרט זיך אויף אַ גרופּע דייטשן. אָפּגעהאַלטן אַ געפּעכט צווישן די חורבות. צו פאַרלוסטן איז זיך מודה סטראָפּ. די יידן האָבן זיך אומגעקערט אין אָוונט צו דער באַזע.

אויך די גרופּן פון די בערשטער, אויף פראַנטשישקאַנער, אויך די גרופּן אין דעם טעבענס־שולץ־בלאָק, אויפן אָפּשניט לעשנאָ 76 — נאָוואָ־ליפּיע 69.

און סטראָפּ פאַרשרייבט דעם טאָג:

„245 יידן פאַרניכטעטע אין קאַמף אָדער ביי ווידערשטאַנד. אַנגעטראָפן אויף אויסגעשפּראָכענע באַנדיטן און אויף רעדלפירער. אין איין פאַל האָט אַ ייד, וועלכער איז געשטאַנען אַ צוגעטיילטער צו אַ טראַנספּאָרט, וואָס האָט געזאָלט ווערן אָפּגעשיקט אין אַ לאַגער — אַרויסגעכאַפּט אַ באַהאַל־טענעם רעוואָלווער און אָפּגעגעבן עטלעכע שאָסן צו אַ פּאָליציי־לייטענאַנט... די היינט געכאַפּטע יידן האָט מען, אַן אויסנאַם, מיט געוואַלט געמוזט אַרויס־שלעפּן פון די בונקערס. קיין פאַלן פון פרייוויליק זיך אונטערגעבן האָט מען דעם טאָג נישט פאַרנאָטירט... אַ גרויסע צאָל יידן האָט מען פון דעם קאַנאַל אַרויסגעצויגן. דערביי איז פאָרגעקומען אַ פאַל. דייטשע פּיאָנערן האָבן אונטערגעלייגט אַ פּאַקונג, כדי אויפצורייסן אַ קאַנאַל־עפענונג. ווי נאָר זיי האָבן זיך אַוועקגעדרייט, האָט זיך אַרויסגערוקט אַ ייד, אַרויסגע־שלעפּט דעם צינדקנויל פון דער אויפרייס־פּאַקונג, די פּאַקונג צוגענומען און צוריק פאַרשוווּנדן אין קאַנאַל...״

אָט אַזוי האָט יידיש וואַרשע צום לעצטן מאָל דעם ערשטן מאַי גע־פּראַוועט אויף די אַלטע גאַסן.

געטאָ גוססט.
הייזער שטאַרבן,
אויסגעברענטע, אויפגעריסענע, צעהאַקטע.

די פענצטער אַרויסגעפאַלענע פון אויפרייסן, אינאיינעם מיט די ראַמען. די גאַס צעגראָבן און צעאַקערט פון באָמבעס, פון קאַנאָנען־קוילן, פון גראַ־נאַטן... לעבער, גריבער, אויפגעשיטע הויפנס ציגל... לאַמטערנס, טעלעפאָן־

סלופּעס איבערגעקערטע, צעהאַקטע מעבלען, שמאַטעס — בראָכוואַרג וואַל־
גערט זיך אויף שריט און טריט...

נאָר אונטער דער ערד איז נאָך געווען אַ לעבן, אַ שווער דערדריקטס.
...אַ לעבן...

שטום געקוקט האָבן די חורבות דורך די אויסגעזוצטע פענצטער.

ווי עס שפּרינגען, שלייכן זיך געשטאַלטן נאָך אַרום איבער דעם שטח.
שאַרן זיך צווישן די שטיינער, צווישן בערג מיט ציגל.

צוגן יידישע האָבן אַמאָל געשפּאַנט דאָ, מיט פענער מיט אָרקעסטערס...
צוגן ריזיקע... מיט לידער יידישע... דעם 1טן מאַי.

און זיי שפּאַנען איצט נאָך. זיי זענען דאָ... די סאַמע לעצטע אויף
גוססדיקע גאַסן... אַ לעצטער גילגול פון יידיש וואַרשע... דעם ערשטן מאַי.

אין קאַמף טרעט איין אַ נייע תקופה.
די פאַרלעצטע.

XII.

דאָס גהינום איז געווען טאָטאַל.

די סטיכיע האָט געבושעוועט.

די שריפות, די רציחה.

פון אומעטום האָט דער טויט געלויערט.

פון דער ערד, פון הימל, פון אונטער דער ערד.

סטראָפּס סטראַטעגיע איז קלאָר.

קודם כל פאַרניכטן אַלע ערטער אויף דער אויבערפלאַך פון דער ערד, ווו יידן קאָנען זיך אויפהאַלטן און אויסבאַהאַלטן, געפינען דעקונג.

סיי־ווי זיצן שוין אָבער די יידן ס׳רוב נישט מער פון אויבן. זיי האָבן זיך באַלד פון ערשטן טאָג צום גרעסטן טייל באַהאַלטן אין די אונטערערדישע, באַצייטנס אויסגעבויטע, שוץ־ערטער. פון די בוידעמער און דירות, פון אַלע ערטער, וואָס געפינען זיך איבער דער ערד, ווערט איצט דער רעשט אַראָפּגעשטויסן אין דער נ י ד ע ר. דורך די באָמבעס, דורך דער באַשיסונג פון קאַנאָנען. אַלע בונקערס, וואָס געפינען זיך איבער דער ערד, ווערן בטל ומבטל. אין די אונטערערדישע בונקערס קאָנען איצטער אַלע נישט אַריין. בונקערס ווערן „קאַליע״, עס מערט זיך וואָס אַ טאָג די צאָל פון מענטשן היימלאָזע, פון „בונקערלאָזע״.

יידן ווענדן זיך אַצינד אין די קאַנאַלן.

דער דריטער רינג פון יידישער פאַרטיידיקונג — די אונטערערדישע קאַנאַלן־נעץ. דאָס טויג נישט סטראָפּן. ער מוז אַרויסטרייבן די יידן צוריק אַ ר ו י ף, פון אויבן.

און באַלד פון ערשטן טאָג הויבט זיך אָן די מלחמה אונטער דער ערד. קודם כל דער פרווו די יידן, וואָס האָבן זיך אונטער דער ערד צוריקגעצויגן אין וואַסער צו דערטרינקען. ער גיט אַרויס אַ באַפעל אָפּצושליסן דעם וואַסער־אָפּפלוס פון אַלע קאַנאַלן, וואָס ציען זיך אונטער דעם יידישן געביט. דאָס וואַסער הויבט זיך אין די רערן. סטראָפּ רעכנט, אַז אים וועט זיך איינגעבן אויף דעם אופן אויך אַלע קעלערס און די בונקערס מיט וואַסער צו פאַרגיסן. פון איין טאָג אויפן אַנדערן — קלערט ער — וועט ער איצט זיין ציל קאָנען דערגרייכן.

די נבלה גיט זיך אים נישט איין.

די זאַך איז שווער אַדורכצופירן — טעכניש. זי ווערט טיילוויז סאַבאָטירט דורך די שטאַטישע — די פוילישע קאַנאַליזאַציע־אַרבעטער. די „וואַסער־שפּערע" — ווערט אויפגעריסן דורך די יידן — שרייבט סטראָפּ שוין דעם צווייטן טאָג אין זיין באַריכט. דעם אָפּפלוס האָט ער נישט פאַרהאַמעוועט פון דער קאַנאַלן־נעץ.

סטראָפּ איז זיך מישב וואָס צו טאָן. ער הייסט אַריינגיסן אין די קאַנאַלן פעסער קרעאָזאָט. ער וויל פאַרוואַנדלען אויף דעם אופן דאָס קאַנאַל־וואַסער אין אַ בייסנדיקער פליסיקייט. אויך דאָס מאָל גיט זיך אים אָבער נישט איין די נבלה.

ער זוכט ווידער אַ מיטל קעגן די יידן אין די קאַנאַלן. דאָס צווייטע מיטל פון „כעמישן קריג" האָט אַ גרעסערע פעולה. סטראָפּ רופט עס „נעבעלקערצן" — יידן רופן עס אָן מער פשוט און מער ריכטיק מיטן נאָמען „גאַז". עס פאַרשפּרייט אַ שטיקנדיקן, בייסנדיקן, סמנדיקן רויך. עס פאַרשפּרייט אַ — פּאַניק. מיט דער צייט ווערט עס איינס פון די הויפּטמיטלען קעגן די יידן.

אַלע פּאָר טעג ספּעציעלע אַקציעס אין די קאַנאַלן. עס ווערן אויך באַנוצט גראַנאַטן, דינאַמיט. ספּעציעלע אויסשפּיר־גרופּן „מענער פון עס־עס, מיט אָפּפערווויליקייט, מיט מוט, מיט „ח ש ק" שטייגן זיי אַראָפּ אין די קאַנאַל־רערן. זיי פירן געיעגן דאָרט אַדורך... זיי רייסן אויף די אויסגאַנגען אויף דער אַרישער זייט. אויף אַנדערע ערטער הייסן זיי די אויסגאַנגען פאַרמויערן. זיי פאַרשטאָפּן אין קאַנאַל די דורכגאַנגען מיט קלעצער אַרומגעוויקלטע מיט שטעכיקן דראָט...

„שוין אין דער ערשטער וואָך איז דאָס אויפהאַלטן זיך אין די קאַנאַלן געוועזן ווייט נישט אָנגענעם" — דריקט זיך אויס אין זיין באַריכט גענעראַל סטראָפּ.

און דאָך — די יידן גייען פון די קאַנאַלן נישט אַרויס.

בעסער קאַנאַלן, איידער דייטשן.

פונקט ווי אויבן, צווישן פלאַמען, אַזוי וואַנדערן אויך דאָ אום מענטשן. אין מחנות ריזיקע, משפחות גאַנצע, מיט פּעק, מיט קינדער אויף די הענט... אַ כוואַליע מענטשן, וואָס שפּאַרט אין איין ריכטונג, קלאַפּט זיך אָן אין אַ צווייטער כוואַליע, וואָס שפּאַרט אַנטקעגנאיבער, פון דער צווייטער זייט.

פון וועלכער זייט איז זיכערער? ווו איז די סכנה? ווו איז אַ פירער,

וואָס זאָל אַרויספירן די מענטשן פון אַט דער נויט? ס׳איז פינסטער — צי וועלן זיי נאָך זען אַמאָל דאָס ליכט פון טאָג?

מענטשן קאָנען זיך נישט אויסגלייכן — די רערן זענען נידעריק. זיי קענען נישט האַלטן גלייך דעם קאָפּ, די אַקסלען. דאָס קלאָאַקן־וואַסער הויבט זיך אויף שוין נישט צוליב דער וואַסער־שפּערונג. עס שטייגט צוליב דער מענטשן־מאַסע, עס דערגרייכט צום מויל.

ווער עס פאַלט, דער ווערט דערטרונקען, ווערט צעטרעטן. ווער ס׳פאַרלירט זיך, דער וועט זיך שוין מסתמא נישט געפונען מער.

עס איז די תוכחה.

טעג און נעכט, מעת לעתן בראָדזען מענטשן אין חשכות און אין שמוץ. מענטשן פאַלן פון אָפּשוואַכונג, פון הונגער, פון דייטשע מיטל. טויט ווער אַ האַנט אַריין אין וואַסער, קאָן ער אַרויסשלעפּן פון דאָרט — ווי שטיינדלעך פון אַ טייך — זייגערלעך, קידושין־רינגלעך, דורכן שטראָם אַראָפּגעטראָגענע פון טויטע הענט... מען שטויסט זיך אָן אויף שווימענדיקע מתים... דאָס געדיכטע וואַסער בולקעט — עס גייט פון ערגעצוו צוריק...

„איך האָב געהאַט אַ מעלדונג — שרייבט אין איינעם פון די טעג גענעראַל סטראָפּ — אַז אין הויפּט־קאַנאַל אונטערן געטאָ, שווימט אַ גרויסע צאָל מתים, וואָס ווערן דורכן שטראָם געטראָגן...״

צי האָט דער שטראָם זיי כאָטש פאַרטראָגן ביז דער ווייסל? צי זענען זיי כאָטש נאָכן טויט אַרויס?

סטראָפּ ווייסט, אַז יידן דאַרפן זיך נאָך געפונען אין געטאָ אין די צענער טויזנטער. ער זעט זיי נישט. אינגיכן קומט ער צו דעם אויספיר — ער האָט שוין פּראַקטיק — אַז אַפילו פון אונטער דער ערד אַרויסצושלעפּן יידן איז אַלץ דאָס זיכערסטע און בעסטע מיטל — פייערבראַנד.

אין די ערשטע טעג ווערן די שריפות נאָך ערטערווייז געלאָשן, לאָקאַליזירט. דערנאָך שוין זעלטן. עס ווערן בלויז געהיט פּאָר פייער די הייזער, וואָס געפונען זיך אין שכנות אויף דער צווייטער זייט פון מויער. עס שטייען דאָ פּוילישע פייערלעשער, מיט זייערע מכשירים גרייט. זיי האַלטן

די וואַסערשלאַנגען מיט וואַסער אָנגעפּילטע אין די הענט. צו לאָזן ס׳וואַסער אויף דער יידישער זייט מויער, האָבן זיי אַ שטרענגן פאַרבאָט.

זייער אויפגאַבע איז בלויז צו היטן — ווי די יידן ווערן געהיט — די פלאַמען זאָלן זיך נישט אַרויסכאַפּן פון זייער תחום.

אין געטאָ ווערן די פייערן יעדן טאָג געצונדן אויפסניי.

„סיסטעמאַטיש ווערן איצט די בלאָקן דורך פייער־בראַנדט פאַר־ניכטעט.״ (געלאַשן ווערט איצט גאָרנישט מער). „און דעמאָלט ערשט — שרייבט סטראָפּ — באַווייזן זיך אַרויס די יידן פון זייערע בונקערס און באַהעלטעניישן.״

„נישט זעלטן האָבן זיך די יידן אויפגעהאַלטן אין די הייזער אַזוי לאַנג, ביז זיי האָבן צוליב דער סכנה פון פאַרברענט ווערן לעבעדיקערהייט, ערשט אין סאַמע לעצטן מאָמענט — אָנגעהויבן שפּרינגען דורך די פענצטער פון די העכערע שטאָקן, אַרויסוואַרפנדיק פאַר דעם מאַטראַצן, קישן, כלערליי בעטגעוואַנט.״

אויף אַן מאַטראַצן און אַן בעטגעוואַנט זענען געשפּרונגען יידן פון די פענצטער...

אַבי נישט אָנקומען מער אין די דייטשע הענט.

אַט די, וואָס האָבן נישט קיין געווער און נישט קיין סם פאַרמאָגט...

פאַליאַקן זעען צו די סצענעס. זיי דערציילן.

פון הייזער, וואָס געפינען זיך אַנטקעגן הייזער פון דעם געטאָ אין דער נאָענט פון דער געטאָ־מויער. די זעלבסטמאָרדן אין מאַסן. די מענטשן אין די פענצטער פון די דריטע, פערטע, פינפטע שטאָקן, געיאָגטע שוין פון פלאַמען. אויך די פון פלאַם אַרומגעכאַפּטע... די פרויען מיט די קינ־דער אויף די הענט... מאַמעס אַרומלויפנדיקע איבער באַלקאָנען...

ווי זיי שרייען, רופן הילף... ווי זיי האָבן דערויף — חרטה... ווי זיי וויקלען די קינדער איין אין ווייכע קאָלדרעס, עס זאָל זיי גרינגער זיין דער טויט... ווי זיי וואַרפן זיי אַראָפּ... ווי זיי שפּרינגען דאַן אַליין אַראָפּ...

דאָס קוקן מענטשן צו...

און מענטשן שוידערן פון גרויל...

אן עפּיזאָד פון יענע טעג. אַ מעשה, וואָס איז דערציילט געוואָרן דורך פאַליאַקן.

אַ פייערלעשער מיטן שלויך הינטער דער מויער, וואָס טיילט אָפּ די גראָדע זייט גאַס פון דער אומגראָדער. די שרפה פלאַקערט. ער זעט אַ

מאַמע מיט אַ קינד אויף אַ באַלקאָן פון 4טן שטאָק, הינטער איר די פלאַ־מען. זי לויפט אַרום איבער דעם באַלקאָן — פון איין עק באַלוסטראַדע צו דעם צווייטן. זי קאָן זיך נישט אַנטשליסן. זי קאָן נישט שפּרינגען. דאָס קינד שרייט און שטרעקט די הענטלעך. זי קאָן עס נישט אַראָפּוואַרפן. דער פלאַם קומט וואָס אַמאָל אַלץ נענטער צו. אַ רגע דאַכט זיך און ס׳וועלן זיך אָנצינדן די האָר אַרום דעם יונגן קאָפּ. אַ רגע נאָך און ס׳וועלן נעמען ברענען אירע קליידער... זי הויבט איר לאַסט, זי ווייזט דאָס קינד די מענטשן אויף דער צווייטער זייט מויער. אפשר הויבט זי עס צו גאָט אין הימל.

דער פייערלעשער קאָן נישט איינשטיין. ער קאָן נישט איינהאַלטן זיין האַנט. ער הויבט דעם וואַסער־שלויך, ער לאָזט דעם שטראָם — אַרויף —, ער צילט אין יענער וואַנט, וואָס הינטער דער פיגור פון דער מאַדאָננע מיטן קינד צווישן די פלאַמען...

דער וואַסער־שטראַל דערנענטערט זיך. מענטשן קוקן. דאָס וואַסער האָט דעם יונגן פרויען־קאָפּ דערלאַנגען נישט געקענט.

אַ קויל אין קאַרק. אַ דייטשע קויל. דער וואַסער־שטראַל האָט אַראָפּ־געטראָפּט אויף דער ערד, ווי אַן אומזיסטע טרער.

אַ טראָפּן פון דערבאַרמונג.

און דער פרילינג איז אין דעם יאָר געווען אַ שיינער און אַ וואַרעמער. קיינמאָל וויל נישט האָגלען און נישט רעגענען. קיין דונער טוט נישט דונערן, צו לאָזן הערן גאָטס שטים, קעגן דער עוולה פון אַ מענטש צו זיינס גלייכן.

דער געשריי פון די געמאָרדעטע און געברענטע איז געשטיגן ביז דעם הימל. דער צער און פּחד פון די מאַמעס און די קינדער האָט געקאָנט רחמנות וועקן נישט נאָר ביי אַ גאָט, אָדער אַ מלאך — אַפילו ביי אַ טייוול.

אָבער דער הימל האָט געגאָסן מיט שטראַלן, ווי כדי נאָך גרעסער צו מאַכן די חימה אין דער ברענענדיקער שטאָט. ער האָט זיי אין קיין שטראָ־מען רעגן נישט פאַרוואַנדלט.

און דער טייוול — דער טייוול האָט אַליין געקאָמאַנדעוועט מיט די דייטשע און אוקראַינישע עס־עס־לייט.

די סטיכיע האָט געבושעוועט.

די שריפות, די רציחה...

XIII.

אמאָל האָט זיך געפונען דאָ דער פּאָסט־אַמט פון דער יידישער געגנט. הינטער דעם לאַנגן בנין פון דעם יודנראַט אויף זאַמענהאָף־גאַס 19 איז פאַראַן אַ גרויסער הויף אַרומגענומען מיט אַן אַלטער מויער. אין דער מויער אַ טירל, וואָס פירט אויף נאָך אַ גרעסערן נישט פאַרבויטן פּלאַץ. עטלעכע אַלטע ביימער באַשאָטענען דעם הויף.

פאַר סטראָפּן איז דאָס אַ אידעאַל אָרט אויף דורכצופירן אָרטיקע עקזעקוציעס.

איינער פון זיינע ערשטע באַפעלן, דעם ערשטן טאָג פון דער אַקציע, איז געווען: „נידערמאַכען"! ווו מען האָט אַרויסגעשלעפּט אַ גרופּע מענטשן פון אַ בונקער, געפירט זיי צום אומשלאַג־פּלאַץ, אויב נאָר אויף זייער וועג איז אויסגעוואַקסן סטראָפּ, האָט ער גלייך אַראָפּגענומען פאַר זיך „מעשר". דער אָפּעראַציע־פּלאַץ פאַרן יודנראַט איז גלייכצייטיק אַ סעלעקציע־פּלאַץ. סטראָפּ הייסט זיינע אַדיוטאַנטן אַדורכפירן סעלעקציעס, ער מאַכט עס אויך אַליין. פאַראַנגען טעג, אין וועלכע ער קלייבט אויס יידן מיט רויטע האָר. אין אַנדערע טעג מענער מיט שיינע טשופּרינעס, מיט יידישע נעז, מיט „ראַסן־סמנים"...

פון דעם הויף אויף זאַמענהאָף 19 הערן זיך כסדר סאַלוועס, דורך דעם טויער רינט אַרויס אויפן ברוק אַ שטראָמל בלוט. ווערט פאַרגליווערט אין ברוין־שוואַרצע הויפנס, ווי פלאָטן לעבער...

סטראָפּ מוז צושטעלן געכאַפּטע יידן אין די אַרבעטסלאַגערן קיין טראַווניק און פּאָניאַטאָוו. פון צייט צו צייט שיקט ער אַ טראַנספּאָרט אַוועק אויך קיין T II — אין טויטן־לאַגער פון טרעבלינקע. זינט דעם 12טן מאַי וועט ער אַהין אַוועקשיקן אַלע טראַנספּאָרטן. אָבער דאָס שיקן מענטשן אויף טויט, קאָן נישט פאַרטרעטן קיין טויטן מענטשן בפועל ממש.

די „פונקציאָנאַרן" פון דער היטלעריסטישער פאַרניכטונגס־מאַשין האָבן שטענדיק אויסגעפירט די פונקציעס זייערע מיט אַן עודף, מיט אַ פּריוואַטן פאַרגעניגן. סטראָפּ איז איינער פון די בלוטיקסטע. איינער פון די חוטיקסטע.

מיט דער צייט וועט ער ווערן איינער פון די גרעסטע ספּעציאַליסטן אין אָקופּירטן אייראָפּע אויף דורכצופירן פּאַציפיקאַציעס, פאַרברענען ישובים אינאיינעם מיט די מענטשן.

...די שפּע טויט אויף טריט און שריט, די מאַסן מתים — די לעבע־דיקערהייט פאַרשיטע אונטער די אויפגעריסענע הייזער. דאָס אויססמעגן טויזנטער מענטשן אין די בונקערס און קאַנאַלן מיט דער הילף פון גאַז. דאָס צוקוקן ווי מענטשן הרגענען זיך אַליין אַראָפּשפּרינגענדיק פון הויכע שטאָקן; דער אָנבליק פון הויפנס גופים פאַרקוילטע אין די שריפות. דאָס בילד, ווי מתים ליגן, ווי זיי „זיצן" אין די טויערן און אויף די הייף דער־הרגעטע אין שלאָף דורך אַ פאַרבלאָנדזשעטער קויל, דורך עפּעס אַ שפּליטער.

ווען זיי זענען פאַרמאַטערטע ביז איבער אַלע גרענעצן, אַוועקגעפאַלן אויפן ערשטן בעסטן אָרט זיך אָפּרוען אויף אַ ווײַלע. אַ מאַמע מיט אַ קינד אַן אײַנגעטוליעטן אין איר אָרעמס, פאַרפעלקער אָנגעלענטע איינס אין אַנדערן — אין לעצטן אָנלען...

ער האָט אַליין אַזעלכע בילדער פאָטאָגראַפירט.

אָבער דער אָנבליק זעטיקט נישט זיין האַרץ. דאָס אַלץ גענוגט נישט סטראָפּן. ער מוז גורם זיין דעם טויט אוממיטלבאַר, פון דער נאָענט אַרײַנ־קוקן דעם קרבן אין די אויגן.

ווי נאָר ער טרעפט אַדורכפירן אַ „פאַרטיע" יידן, מוז ער זיי אָפּ־שטעלן און אָפּקלויבן אַ פּאָר צום שיסן. פון צייט צו צייט הייסט ער אַ פאַרטיע יידן אינגאַנצן נישט סעלעקציאָנירן — „נידערמאַכן"...

סטראָפּ טאָר קיין יידיש פּנים נישט אָנקוקן מער ווי איין מאָל. צוויי יידן זענען אים אַ דאָרן אין אויג — פון די סאַמע „בוצלעכסטע" און „וויכטיקסטע" — פון די קברנים. ער האָט אַ פּאָר מאָל געזען זייערע פּנימער, ער הויבט זיי אָן דערקענען, ער קען דאָס נישט פאַר־ליידן...

ווען מען האָט די צוויי דערשאָסן, זענען די רעשט מתים־אויפקלויבער, די 25 מאַן באַגראָבער אויף צומאָרגנס אַלע געלם געוואָרן. עוקר געווען אויף דער אַרישער זייט דורך דעם בית־עולם.

אָרטיקע דייטשן טוען דאָס באַדויערן: די דאָזיקע יידן האָט מען דאָך געדאַרפט צו האָבן לענגער ווי אַלע אַנדערע — די מתים־אָפּרוימער. זיי האָבן געזאָלט די לעצטע זיין...

איצט האָט נישט ווער די מתים אָפּצורוימען. עס הויפן זיך אָן בערג מיט מתים אויפן הויף פון יודנראַט, אין גאַנצן געטאָ. זיי פאַרעיפּושן די לופט. מען מוז תיכף עפּעס טון מיט זיי.

און סטראָפּן פאַלט איין אַ געדאַנק.

ער וויל ברענגען אַ וואַלץ צום פּרעסן שטיינער אויף שאָסייען. הייסן פאָרן איבער די מתים, כדי זיי אויף דעם אופן אַריינצופּרעסן אין דער ערד!

ער איז שוין וואַנזיניק פאַר מאָרד...

סוף כל סוף הייסט ער די מתים אַריינוואַרפן אין ברענענדיקע הייזער, זיי זאָלן פאַרברענט ווערן.

דער דייטשער עדות, וואָס דערציילט די מעשה, קאָן איין זאַך דערביי נישט ליידן:

די מתים זענען פאַר דער פּראָצעדור נישט באַזוכט געוואָרן, צי האָבן זיי נישט געהאַט ביי זיך קיין געלט און צירינג...

שפּעטער וועט שוין אַזוינס נישט פאָרקומען. שפּעטער וועט מען יעדן געכאַפּטן ייד פאָרן טראַנספּאָרט אָדער דערשיסן אַוש צופּיל געגנוי באַזוכן. מען וועט די יידן אויסטון נאַקעט, מען וועט זיי אויסטאָפּן די הינטנס, מען וועט גינעקאָלאָגיש אונטערזוכן די פרויען...

צונעמען די „ווערטן".

דאָס איז אוודאי דאָס פאַרדינסט פון עדות, וואָס דערציילט דעם פאַקט. ער האָט די אויפגאַבע צו זאָרגן, אַז די רייכסשאַצקאַמער זאָל נישט באַעוולהט ווערן.

ער — און אַנדערע דייטשן פאַרגעסן נישט דערביי צו זאָרגן אויך פאַר זייער קעשענע...

פראַנץ קאָנראַד, דער שעף פון „ווערטעפאַסונג" אין וואַרשע, דער צווייטער רעפּאָרטער און פאָטאָרעפּאָרטער פון יידישן אויפשטאַנד[13].

אַן עפּיזאָד פון קאָנראַדן:

די יידן, וואָס זענען באַשטימט געוועזן צום שיסן, האָבן געמוזט זיצן אויף דער ערד און וואַרטן אויף זייער ריי. צווישן אַ גרופּע יידן איז געזעסן אַ יינגעלע און אַ מיידעלע.

עס איז שוין געווען שפּעט. עס האָבן זיך באַוויזן שטערן אויפן הימל.

די קינדער זענען געווען אינגאַנצן רואיק, רעזיגנירט. זיי האָבן גע־ווּסט, וואָס עס דערוואַרט זיי. פון דעם הויף ביים יודנראַט האָט מען כסדר געהערט די סאַלוועס.

זאָגט דאָס מיידעלע צום ייִנגעלע:

— דו זעסט די שטערן אין דער הייך. אינגיכן וועלן מיר שוין זיין דאָרט אויבן און קיינער וועט אונדז נישט קאָנען מער קיין שלעכטס טון.

אַזאַ פראַגמענט פון בילד. אַ קליינער פּרט...

דאָס גהינום אויפן אומשלאַג־פּלאַץ איז געווען נישט קלענער און נישט אַנדערש, ווי בשעת די פריערדיקע אַקציעס אין וואַרשע. דאָס קלעקט פאַר אַ באַשרייבונג.

XIV.

דריי מאָל האָט די שטאָט וואַרשע געקעמפט אין משך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה. דאָס צווייטע מאָל הינטער די מויערן פון געטאָ.

די יידן גיבן זיך נישט אונטער.

ווי געטאָ וואָלט היינט איבערגענומען דעם קאַמף, וואָס וואַרשע האָט פאַרשפילט — איבערגעריסן — אין יאָר 1939.

נאָך דער מוראדיקער באָמבאַרדירונג פון דעם 25טן סעפטעמבער און נאָך דער הוראַגאַן־באַשיסונג אויף צומאַרגנס. נאָך דער אונטערצינדונג פון דער גאַנצער שטאָט, וואָס האָט קיין וואַסער שוין צו לעשן שריפות נישט געהאַט.

וואָס האָט קיין אויסזיכט נישט געהאַט שוין אויף קיין הילף פון דרויסן.

אַ שטאָט אַן אַרומגערינגלטע פון אַלע זייטן דורך דעם שונא.

ווי וואַרשעווער יידן וואָלטן רעווידירט היינט דעם באַשלוס דעם וואַר־שעווער פון דעמלט: זיך אונטערצוגעבן, אויפצוגעבן דעם פאַרשפילטן קאַמף.

איצטער, פונקט ווי דעמלט, אַ ציוויל־באַפעלקערונג, וואָס שטערט — און העלפט — אין קאַמף די זעלנער.

אַ ציוויל־באַפעלקערונג אַ געשליידערטע פון סכנות און בהלה.

פון איין בונקער אין אַנדערן. פון פלאַמען אַרויס און אַריין אין פלאַ־מען, מחנות, וואָס לויפן פון איין זייט, זוכנדיק אַ רעטונג — און שטויסן זיך צוזאַמען מיט מחנות, וואָס לויפן פון דער צווייטער זייט, אין אַ פונקט פאַרקערטער ריכטונג. מיינען אַז דאָרט קאָן מען זיך ראַטעווען — פון וואַנען יענע זענען אַנטלאָפן...

אין אַלייען צווישן ברענענדיקע הייזער...

און נאָך ערגער ווי אין יאָר 1939. ווייל נישט בלויז דורך צינד־באָמבעס און מיט דער הילף פון פלאַמען־וואַרפער ווערן הייזער אונטער־געצונדן. פון דער נאָענט ווערט אונטערגעלייגט פייער.

נאָך די אונטערצינדער, זעלנער גרופן, וואָס שיסן אַריין אין פייער סעריעס קוילן. שליידערן גראַנאַטן. כדי מענטשן זאָלן נישט קאָנען זיך באַנוצן מיטן פלאַם אַלס צודעק צום אַנטלויפן.

איצט, ווי דעמלט, ווערן הייזער דורך באָמבעס איינגעוואָרפן, דורך קאַנאָנען־קוילן. מענטשן פאַרשאָטן אין די מחנות אונטער חורבות...

און נאָך ערגער.

ווייל נישט בלויז פון אויבן פאַלן לאַדונגען. עס ווערן נאָך געשליידערט מינעס און פעטאַרדעס פון דער נאָענט. סאַפּערן־איינהייטן, אונטער דער אָנפירונג פון אינזשעניערן, פירן אויפרייסן אַדורך. לאָזן הייזער, קעלערס, בונקערס — פאַכמעניש — אַרויספליען אין לופטן.

מענטשן זיצן אינעווייניק, (זיי וואָלטן וועלן לעבן) מענער, פרויען, קינדער, ערטערווייז אַלטע לייט, נאָך נישט דערהרגעטע ביז איצט...

און די דאָ — די אינזשיניערן — איר קענט זיי זען אויף דייטשע פאָטאָגראַפיעס. זיי האָבן די פאַקונגען זייערע אַריינגעלייגט לויט פאַרשריפט, עלהיי צום אויפרייסן אַ בריק אָדער אַ שטיינברוך. זיי לויפן אָפּ פאַר דער עקספּלאָזיע, שטעלן זיך אַוועק אַנטקעגנאיבער, וואַרטן, אָבסערווירן.

נאָכן אויפרייס — קולות. געשרייען פון פאַרוואונדעטע, פון משוגענע פאַר שרעק. זיי לויפן נענטער צו — די דייטשע זעלנער. אפשר האָבן זיי בדעה הילף צו ברענגען די מענטשן, די קרבנות פון דער קאַטאַסטראָפע?

ווי קאָן גאָר ווען איינפאַלן אַזוינס?! — ס׳איז בלויז אַ צייכן, ווו מען האָט צו זוכן די „אַרויסגעזעצטע" און די „אַרויסגערויכערטע", כדי קיינעם פון זיי זיך נישט צו לאָזן ראַטעווען.

וואָס שפּעלער אַריינדרינגען צו זיי, אַרויסשלעפּן. אַלס „קעפּלעך" צו־שטעלן צום מספר פונם טאָג. אַרויסשלעפן פון זייער לאָך די „ווערטן". די מלבושים פון זיי אַראָפּרייסן, פון אַלץ באַרייסן און באַהוילן. טיילווייז אויס־שיסן. אַמאָל איינגאַנצן.

„רייניקונג פון געטאָ־שטח" רופט די אַרבעט זיך אין דייטשן לשון.

און אָט די שטאָט הינטער די מויערן, אין אָט דעם מצב — זי קאַפּי־טולירט נאָך נישט. אַפילו דעמאָלט נישט, ווען ס׳האָט קאַפּיטולירט די שטאָט וואַרשע אין 1939 און אין 1944.

אַפילו דעמלט נישט, ווען דער טויט פון דייטשע קוילן זעט אויס צו זיין אַן אויסלייזונג אין פאַרגלייך מיט אָט דער פּיין און גרויל...

ווען ס׳טראַכט נישט איינער אין די בונקערס, אַז אַפילו אין גאַז־קאַ־מער צו שטאַרבן וואָלט גרינגער זיין, ווען מען קאָן נאָך פאַר דעם איינמאָל איינאָטעמען פרישע לופט...

איינמאָל... אָפּעטעמען...

אָ, אכזריותדיק, נאָך מער אכזריותדיק ווי דייטשן זענען זיי צו זיך אַליין איצט — די יידישע קדושים — פון אַפּריל און מאַי אין וואַר־שע 1943.

אַנגעשטאָפּטע ווייט איבער די ברעגעס — מען מוז אַריינבעמען נשרפים — זיצן זיי פאַרשטיקטע אין די בונקערס. מען קאָן קיין שוועבעלע, קיין ליכט מער נישט אָנצינדן פאַר לופטמאַנגל. ביי 40 גראַד נאָך און ביי 50 האַלטן מענטשן אויס אין די באַהעלטענישן אונטער די ברענענדיקע הייזער. אין רויך און טשאַד, אָן לופט־צוטריט. אַלע ווילע חלשט, אַלע ווילע שטאַרבט אַ מענטש פון זיי. די אַנדערע האָבן שוין קיין כוח נישט אַפילו צום אַפּשאַרן די מתים.

מענטשן סאַפּען, ליידן, גוססן — אָן אַ קול, אָן אַ וואָרט.

און זיי גיבן זיך נישט אונטער.

אין אָוונטן נאָר פויזען זיי אַרויס פון אויבן — נאָך לופט, נאָך עסן, נאָך ידיעות — שרעקלעכער אַלץ איינע פון דער אַנדערער. זיי האָבן שוין קיין כוח נישט די שפּורן צו פאַרווישן. אָבער זיי גייען נאָך צוריק אַראָפּ, זיי זיצן ווייטער.

זיי פאַרלאָזן זעלטן ווען דעם בונקער — איידער עס דערשיינט דער ערשטער דייטש. אויך דעמאָלט געפינט זיך טיילמאָל עמיצער, וואָס פּרוווט נאָך שיסן. מקים זיין דעם דין פון ווידערשטאַנד.

עס טרעפט ווו, עס געפינען מענטשן אין לעצטן מאָמענט אַ ביסל כוח נאָך. דעמאָלט, ווען זיי הערן, אַז מען קלאַפּט, מען גראָבט, מען דערנענטערט זיך צו זיי. און זיי נעמען לויפן, לויפן — אונטער דער ערד.

ווען זיי האָבן קיין מכשירים שוין נישט, נוצן זיי די נעגל... גראָבן, גראָבן, קריכן...

און מען ווייסט אַפילו נישט וואָס עס איז שרעקלעכער ביי אָט די מענטשן — מוט צי פּחד — אין דער רגע. דער לעבנסווילן, צי דעה באַ־שלוס צו שטאַרבן מיט אַן אייגענעם טויט...

נאַקעט אויסגעטוענע שלענגלען זיי זיך אויף די בייכער אין דער רויער ערד. ווי די קרעטן, ווי די ווערים — גאָט!

אָ, עם קשי עורף, עם קשי עורף, ווי האָסטו זיך דאָסמאָל אייגע־שפּאַרט!

נאָר פיזיש ווערן זיי באַזיגט. דורך טרערן־גאַז, „נעבעל־קערצען" — ווערן זיי צום סוף אַרויסגעטריבן פון די אַנטדעקטע בונקערס. מוראדיק צעגאָסענע, צעהיסטע. די תלינים לאַכן...

און נאָך אויך נישט אַלע. כמעט שטענדיק האָט זיך נאָך באַהאַלטן עמיצער, געבליבן ווו נישט איז פּאַרטייעט, „געמאַכט זיך״ פּאַר אַ מת. עס טרעפט נאָר זעלטן איצט אַ פאַל פון רעזיגנאַציע. פון אונטערגעבן זיך אַליין דעם אומפאַרמיידלעכן.

עס טרעפן נאָר... נאָך... זעלבסטמאָרדן...

עס טרעפן אַקטן פון ווידערשטאַנד מיט הוילע הענט — מיט אַ מעסער, מיט אַ ציגל, מיט וואָס נישט איז, אַבי זיך נישט צו לאָזן נעמען לעבעדיק.

אויסרופן ווערן געמאַכט. ווירדע און נקמה־מאַניפעסטן אין אַנבליק פונם טויט.

פיזיש ווערן זיי באַזיגט, נאָר זעלטן גייסטיק...

מיט אברים געבראָכענע, אַנטלאָפענע פון פייער, אַראָפּגעשפּרונגענע פון הויכע שטאָקן — פּרווון זיי נאָך שאַרן זיך איבער די גאַסן, אַרייַנקריכן אין הייזער, ווו עס זענען נאָך קיין דייטשן נישט פאַראַן.

„מיר האָבן כסדר אָבסערווירט — שרייבט שפּעטער סטראָפּ — ווי יידן זענען אַרויסגעלאָפן פון ברענענדיקע הייזער און ווען זיי האָבן אונדז דערזען זענען זיי צוריקגעלאָפן אין די פלאַמען.

„איר וועט אַלע גיין אויף אַרבעט״ — שרייען צו זיי דייטשע זעלנער. אָבער יידן האָרכן נישט. זיי פאָלגן נישט. ליבער פלאַמען איידער דייטשן!

...און זיי זענען צוריקגעגאַנגען אין פייער, ווי די אבות אונדזערע, וואָס האָבן כוח געהאַט אויף שייטערהויפנס צו לאָזן זיך פאַרברענען און נישט בויגן זיך פאַר איבערמאַכט. נישט בוקן זיך פאַר דעם פ אַ ר ה אָ ס ט ן...

מען דאַרף איבערלייענען דעם ביולעטין פון אָט דעם קאַמף פאַר דעם פראָנט פון דער קעמפנדיקער מענטשהייט, כדי דער סאָלדאַט זאָל קאָנען שטאָלץ זיין אויף זיין וואָפנברודערשאַפט מיט די, וואָס פאַלן אין די הייזער און אויף די גאַסן פון דעם קעמפנדיקן געטאָ...״

ווערטער פון אַ פּוילישן אונטערערדישן אָרגאַן.

...פאַר אונדז אָבער, וואָס מיר באַלאַנגען צו דעם פאָלק, וואָס האָט אָט דעם קעמפער־דור אַרויסגעגעבן, פאַר אונדז איז ליב די התקרבות אונדזערע. נישט בלויז מיט די, וואָס האָבן געקעמפט. מיר זענען שטאָלץ

אויך מיט די, וואָס האָבן קיין געווער און קיין מעגלעכקייט צום קעמפן נישט געהאַט, און דאָך מיט זייער האַלטונג אין דער פאַרטיידיקונג באַוויזן די גבורה.

וואָרום ווער עס וויל פאַרשטיין דעם קאַמף, דער מוז פאַרשטיין דעם גרויל. עס וועט נישט פאַרשטיין דעם יידישן אַקטיוון ווידערשטאַנד, ווער ס'וועט נישט פריער האָבן פאַרשטאַנען דעם — פּאַסיוון.

XV.

אויף דריי טעג האָבן די דייטשן אין אָנהויב אויסגערעכנט די ליקווי־דאַציע־אַקציע. אויף צוויי וואָכן האָט פּוילישע אונטערערד געשאַצט דעם יידישן ווידערשטאַנד. די צוויי וואָכן האָבן זיך געענדיקט דעם 2טן מאַי. סטראָפּ האָט זיך שוין דעם טערמין אַ פּאָר מאָל פאַרלענגערט, פאַר־זיכערט „קראָקע", אַז אָט נאָך אַ פּאָר טעג און ער וועט ווערן פאַרטיק. אָבער עס האָט זיך אָנגעהויבן די דריטע וואָך פון דער אַקציע און דערמיט בלויז אַ נייע תקופה פון דעם ווידערשטאַנד.

געוויסע גאַסן זענען שוין געווען אינגאַנצן אָפּגעברענט. די פלאַמען האָבן זיך גענומען איינלעשן, דער רויך האָט זיך געזעצט צוביסלעך. צו־זאַמען מיט די שריפה־חורבות טויכן ווידער בולטער אויף די ליניעס פון די געשעענישן, די שטריכן פון די נייע קאַמפן. עס פאַרמערן זיך ידיעות.

דעם 1טן מאַי איז סטראָפּ מודיע, אַז ער וועט אָנהויבן אַרויסשיקן ביי־נאַכטיקע פּאַטרולן. דער קאָמענדאַנט פון דער יידישער קאַמפס־אָרגאַניזאַ־ציע האָט געמאָלדן וועגן דעם זעלבן נאָך דעם 23טן אַפּריל.

ענדלעך האָט די אָרגאַניזאַציע ווידער אַ מעגלעכקייט אַנצוקנופּן מיטן שונא אַן אָפּטערן קאָנטאַקט. אַזוי לאַנג ווי די שרפות דויערן, זענען די יידישע ביינאַכטיקע אויסשפּיר־אָפּטיילונגען, באַלויכטענע דורך פלאַמען, אַ באַקוועמער ציל צום באַשיסן. דערנאָך, ווען די שריפות נעמען צוגעלאָשן ווערן, ווען געוויסע געגנטן ווערן ווידער פינסטער — גלייכן זיך אַביסל אויס די שאַנסן. ביידע צדדים גייען די שטיוול אַרומגעבונדן מיט שמאַ־טעס — עס געווינט ס'רוב דער, וואָס שפּירט פריער אויס דעם שונא, הויבט פריער אָן צו שיסן. עס טרעפט, אַז די דייטשן דערקענען נישט אין דער פינסטער וועמען זיי האָבן פאַר זיך. די יידן זענען אָנגעטאָן אין דייטשע מונדירן. ווען עס געלינגט אַוועקצולייגן אַ דייטש צווישן די חורבות, איז אַ געווינס צוריקצובערענגען פון אַ נאַכט־פּאַטראָל אַ דייטשן העלם, צי אַ פּאָר שטיוול. אָבער קודם־כל — געווער — אַ מאַשין־פּיסטול און אַמוניציע.

עס הויבט שטאַרק אָן אויסצופעלן אַמוניציע. יידן מוזן ציטערן איבער איעדער קויל. די לעצטע פאַר ווערן פאַר זיך אַליין באַהאַלטן...

דעם 2טן מאי קומט אַראָפּ אויף אַן אינספּעקציע דער העכערער עס־עס און פּאָליציי־פירער פון קראָקע — קריגער. סטראָפּ מוז אים פּרעזענטירן עפּעס אַ גרעסער און מער עפעקטפול שטיקל אַרבעט. ער קלויבט אויס דעם נאָך נישט אינגאַנצן אויסגעברענטן, נאָך נישט אינגאַנצן ליקווידירטן בלאָק פון די צוויי „ריסטונגס־פירמעס" טראַנזאַוויאַ און ווישניעווסקי, וואָס אַרבעטן אויס טיילן צו עראָפּלאַנען. דער בלאָק געפינט זיך ביי די געטאָ־ראַנדן, נישט ווייט פון אומשלאַג־פּלאַץ.

אין זיינע דערקלערונגען פאַרן אַמעריקאַנער אויספאָרשונגס־אַמט אין עסטרייך דערציילט פראַנץ קאָנראַד:

„אויף דעם געביט איז אונטערגעצונדן געוואָרן די גאַנצע שורה הייזער. עס איז געבליבן אַ הויז, וואָס איז געשטאַנען פריי פון אַלע 4 זייטן. ווען דער אָבערגרופּנפירער קריגער מיט זיינע באַגלייטער און סטראָפּ מיט זיין שטאַב זענען געגאַנגען לענגאויס דער ברענענדיקער גאַס, איז אונטערגעקומען אַ מאַן מיט דער מעלדונג, אַז אין הינטערשטן טייל פונם הויז פּרוּוון זיך יידן ראַטעווען פון פייער דורך די בוידעם־פענצטערלעך אויפן דאַך אַרויף... די גאַנצע קליקע איז אַריין אין דעם אַריינפאָר־טויער און האָט אין די אָוונט־שעהן אָבסערווירט פון פייער באַלויכטענע מענטשן און זייערע אַקטן פון פאַרצווייפלונג. אַ טייל מענטשן האָבן זיך שוין אַרויסבאַקומען אויפן דאַך, די ווייטערע האָבן געפּרוווט פון די פענצטערלעך דורכן שמאָלן גזימס אַהין אַרויפצוקלעטערן... מען באַפעלט צו שיסן צו די מענטשן, וואָס האָבן זיך געפונען אויף די גזימסן. ווער עס האָט זיך נישט תיכף צוריקגעצויגן פון פענצטערל, דער איז געוואָרן געהרגעט דורך די קוילן... אַמשרעקלעכסטן איז דאַן געווען דער אָנבליק פון קינדער איבער 3 יאָר, וואָס האָבן אויך געהאַט דעם מוט זיך צו ראַטעווען דורך די גזימסן אויפן דאַך אַרויף פון די דריי־ און פיר־שטאָקיקע הייזער. אויך זיי זענען אָבער געוואָרן אַראָפּגעשאָסן. אַ טייל פאַרוווּנדעטע האָבן זיך ביים אַראָפּפאַלן פון די גזימסן פאַרטשעפּעט אין די אָפענע פענצטער אָדער באַלקאָנען. שטעלט אייך פאָר: פאַרוווּנדעטע, אונטער זיי די טיפעניש, אַרום דאָס פלאַקערנדיקע פייער, וואָס דערנענטערט זיך צו זיי... כדי צו פאַרלענגערן זייער פּיין, האָט מען די מענטשן פאַרטשעפּעטע און הענגענדיקע אין דער לופט נישט געשאָנקען קיין קויל... אויף די מענטשן, וואָס האָבן זיך געפונען אויפן דאַך, האָט מען איינגעאָרדנט אַן אמתן געיעג. טייל האָבן געפּרוווט זיך ראַ־

טעוועז דורך אַ דרייסטן שפּרונג אין דער טיפענייש. דאָס איז אָבער געווען אַ טויטן־שפּרונג. צוליב דער פּאַניק און האַבנדיק הינטער זיך אוממיטלבאַר די פלאַמען, האָבן זיך מענטשן צונויפגעשטופּט ביים פענצטערל פון דער פייער־וואַנט. מען האָט געשאָסן אין פייער אַריין און צו די מענטשן, וואָס האָבן זיך אין אים באַוויזן. ווער עס איז נישט געפאַלן פון די קוילן, איז געפאַלן אַ קרבן פון די פלאַמען. די פאַרצווייפלטע מענטשן האָבן אַרויסגע־וואָרפן דורך די פענצטער די דערהרגעטע, כדי צו האָבן מער פלאַץ דאָרט אויבן...״

אָט איז אַ בילדל געזען פון דער נאָענט. אַ דייטשער רעפּאָרטאַזש.

ד ע ר 3 ט ע ר מ אַ י ביי סטראָפּן:

„געכאַפּט 1392, אין קאַמף געשאָסן 95, אויפגעריסן 19 בונקערס, גענומען געווער, פיסטוילן, אַליין אויסגעפאַרטיקטע גראַנאַטן. אין רוב פאַלן האָבן די יידן פאַרן פאַרלאָזן די בונקערס מיט געווער אין האַנט געשטעלט אַ ווידערשטאַנד. פאַראַן קרבנות... די יידן און באַנדיטן האָבן ער־טערוויז געשאָסן מיטביידע הענט פון פיסטאָלעטן. יידישע פרויען האָבן געהאַלטן פאַרבאָרגן וואָפן אין די הייזלעך... ערשט נאָכן אָפּברענען אַ גרע־סערע צאָל „נעבעלקערצען״ לאָזן זיך די יידן באַוועגן צום פאַרלאָזן זייערע בונקערס...״

מיר ווייסן גאַנץ גענוי, ווער עס זענען געווען די איינגעשפּאַרטע יידן.

עס איז אַנטפּלעקט געוואָרן אין דעם טאָג דער גרויסער בונקער אויף פראַנציסקאַנער 30 אין בלאָק פון אַפּראָוויזאַציע־אַנשטאַלט. דאָ זיצן גע־זעלשאַפטלעכע און פּאָליטישע טוער, פאַראַנען אויך צוויי שרייבער צווישן זיי.14) דער בונקער איז איינער פון די אַמבעסטן באַוואָרנטע געווען אין געטאָ...

און די וואָס שיסן, פאַרוווּנדן דייטשן? מיר קענען זיי. עס זענען די רעשטן פון די קאַמפס־גרופּן פון שוויענטאָיערסקע גאַס, פון בערשטער־שאָפּ. די וואָס זענען איבערגעגאַנגען אַהער אין דריטן טאָג פון אויפשטאַנד. דאָ איז איצט געווען זייער באַזע. פאַראַנען עדות לעבעדיקע פון אָט דעם קאַמף. פאַראַנען מענטשן, וואָס האָבן געגומען ידיעות ביי זיינע אָנטייל־נעמער, וואָס זענען נאָכדעם אומגעקומען... די שלאַכט איז איינע פון די העלדישסטע בשעת דעם אויפשטאַנד. צוויי טעג האָט זי גע־

דויערט אין די חורבות. אַ גרויסער טייל פון דעם אַקטיוו איז דאָ מיט אַ קעמפער־טויט געפאַלן. דער רעשט האָט נאָך אַ באַזע איינע באַזעצט. אויף פראַנציסקאַנער 20 און אויף 22, אין בונקער פון די מיסטפירער.

די לעצטע באַזעס פון דער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע — ביים רעשט פון יידישן פאָלקסטימלעכן עלעמענט אין וואַרשע. ביי טרעגער, פורמאַנעס, ביי „שטאַרקע" — אַפילו ביי אַמאָליקע גנבים.

אין בונקער פון ישראל איסר, דעם מלך פון די שלעפער, דעם קעניג פון דער אונטערוועלט. דאָרטן איז די לעצטע באַזע פון דער יידישער קאָמענדע, אויף מילע 18. עס דערנענטערן זיך אירע לעצטע טעג...

XVI.

די אַקציע איז געגאַנגען ווייטער.
געטאָ איז שוין געווען פאַרוואַנדלט אין אַ הויפן רויכערדיקע חור־בות. די קעמפער, וואָס האָבן פאַרטיידיקט אַ בונקער נאָך אַ בונקער, זענען געבליבן וואָס אַמאָל אַלץ ווייניקער.

דעם 4 טן מאַי אַ נייע אַקציע אויף לעשנאָ.
„ערשט ווען דער הייזער בלאָק האָט אָנגעהויבן ברענען, זענען ווי אַלע מאָל, אין אַ גרעסערער צאָל דערשינען יידן אַרויסגעטריבענע דורך רויך און פלאַמען... אַפילו איבער ברענענדיקע הייזער האָבן זיי געפרווט אַנט־לויפן. אומגעציילטע יידן, וואָס האָבן זיך בשעת דער שריפה געוויזן אויף די דעכער, זענען אומגעקומען אין דעם פייערבראַנדט. אַנדערע האָבן זיך ערשט אין דער סאַמע לעצטער רגע באַוויזן אויף די העכסטע שטאָקן און האָבן זיך נאָר דורך דעם אַראָפּשפּרינגען געקאָנט ראַטעווען פון דעם פאַר־ברענונגס־טויט..."

„188 יידן דערשאָסענע אין קאַמף... ביינאַכטיקע צוזאַמענשטויסן מיט יידישע פאַטרולן..."

דעם 5 טן מאַי:
„יידן האָבן אויף פאַרשידענע ערטער געשטעלט אַ ווידער־שטאַנד... נאָר דורך שטאַרקע אויפרייסן האָט זיך איינגעגעבן צו דערצווינ־גען אַן אַריינגאַנג אין די בונקערס. אַ פאַרניכטונג פון די מענטשן איבע־רווייניק..."

דעם 6 טן מאַי — סטראָפּ וווּנדערט זיך:
אונטער די הייזער לעשנאָ־נאָוואָליפּיע אין טעבענס־בלאָק, וואָס ער האָט אונטערגעצונדן מיט צוויי טעג צוריק — הגם ס'איז שווער געווען דאָס צו דערוואַרטן — האָבן זיך מענטשן לעבעדיקע נאָך געפונען, וואָס האָבן אויסגעהאַלטן די מוראדיקע, גליענדיקע היץ.

און אויך דעם טאָג באַשרייבט סטראָפּ אַ געפעכט מיט יידן. זיי האָבן פאַרווונדעט דייטשן. געשאָסן פון גרויס־קאַליבערדיקע פּיסטוילן, געוואָרפן האַנט־גראַנאַטן. ער נאָטירט: „356 יידן דערשאָסענע אין קאַמף..."

יאָ, ס'איז מאָדנע — נישט בלויז פאַר סטראָפּן.

א רירנדיקער, אַ סודותפולער עפּיזאָד.
אַזאַ מין שטעלע אין סטראָפּס באַריכט, דעם 6טן מאַי.
„עס זעט אויס, אַז יידן, וואָס האָבן זיך אַרויסגעריסן פון געטאָ, קו־מען איצט צוריק מיט דער כוונה צו ברענגען הילף די געטאָ־יידן, אָדער זיי באַפרייען. אַ ייד, וואָס איז אַנטלאָפן פון לובלין, איז היינט געכאַפּט געוואָרן הארט נעבן דער געטאָ־מויער. ער האָט געהאַט ביי זיך 1 פּיסטאָלעט קאַליבער 08, 2 פּוילישע האַנטגראַנאַטן, אַ גרעסערע צאָל קוילן...״
ווער איז ער געווען, אָט דער געטרייער, וואָס האָט געריסן זיך צוריק אין געטאָ?
צי וועלן מיר אַמאָל זיך נאָך דערוויסן עפּעס נענטערט וועגן אים?

ס טראָפּ מוז ווידער אָפּלייגן דעם טערמין פון פאַרענדיקן די אַקציע.
ער שרייבט כסדר און וואונדערט זיך אַליין — נאָך איז דער ווידער־שטאַנד נישט גאַנץ געבראָכן.
אַלע פּאָר טעג, נאָך אַ שווערן געפעכט צווישן די חורבות, דאַכט זיך אים אויס, אַז ענדלעך האָט ער שוין אַנגעטראָפן אויף די וויכטיקסטע אַקטיוויסטן — דאָ אויף חלוצים און חלוצות (ער באַנוצט בפירוש אָט די נעמען) דאָ אויפן שטאַב פון פפ״ר, דאָ אויף עפּעס אַ בלויז אין זיין מוח פאַר־ראַנגענער „יידיש־פּוילישער טעראָריסטן־אָרגאַניזאַציע״.
„דאָס מוזן שוין זיין — שרייבט ער — אָט די, וואָס האָבן אויסגעטראָגן די קאַמפן פון די ערשטע טעג. זייער אויסזען ווייזט אָן דערויף, זייער באַ־וואָפנונג, זייער האַלטונג...״ און ווען דער ווידערשטאַנד הערט אַלץ נישט אויף, שרייבט ער מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער דאָס זעלבע וועגן אַ צווייטער גרופּע קעמפער, וואָס קעמפן ביז צו זייער טויט, וואָס דערשיסן און פאַר־וואונדן דייטשע זעלנער. וואָס לאָזן זיך אין קיין שום פאַל לעבעדיקערהייט נישט פאַנגען.

א ון דאָס איז סטראָפּס כאַראַקטעריסטיק פון דער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע:
„עס זענען געווען גרופּן — שרייבט ער אין אַלגעמיינעם באַריכט — זיי האָבן אַרומגענומען צו 20־30 יונגע בחורים אין עלטער פון 18 ביז 25 יאָר. זיי האָבן געהאַט געוויינלעך מיט זיך אויך אַ געוויסע צאָל פרויען. די דאָזיקע גרופּן האָבן אַ וואָס אַמאָל אַלץ נייעם ווידערשטאַנד אַנטפּאַכט.

זיי האָבן געהאַט אַ באַפעל זיך ביז אין לעצטן מאָמענט מיט וואָפן צו פאַרטיידיקן און אין געגעבענעם פאַל, דורך זעלבסטמאָרד דאָס געפאַנגענ־נעמען אויסצומיידן...״

אין דעם „בילדבאַריכט״ ביי סטראָפּן זעט מען פאָטאָגראַפיעס מיט דער אונטערשריפט:

„די באַנדיטן אַנטציען זיך דורך אַראָפּשפּרינגען פאַר דעם געפאַנגענ־נעמען.״

עס איז געוועזן אמת.

קיין לעבעדיקע האָבן זיך די מיטגלידער פון דער קאַמפּס־אָרגאַניזאַ־ציע נעמען נישט געלאָזט.

סטראָפּן גייט אין לעבן אויסצושפּירן און צו פאַרניכטן די אָנפירער פון ווידערשטאַנד. שוין עטלעכע מאָל האָט ער זיין וווּנטש גענומען פאַר אַ דערפילונג. שוין עטלעכע מאָל געמאָלדן, אַז ער ווייסט וווּ זיי געפינען זיך, אָט כאַפּט ער זיי. אָט האָט ער וועמען פון זיי געפּאַקט. עס האָט זיך יע־דעס מאָל אַרויסגעוויזן, אַז ער האָט געהאַט אַ טעות.

אָבער דאָס מאָל איז ער שוין דווקא זיך נישט טועה...

דעם 7טן מאַי לייענען מיר אין סטראָפּס באַריכט די ווערטער:

„די לאַגע פון דעם בונקער פון דער ענגערער פּאַרטיי־לייטונג איז שוין באַקאַנט. מאָרגן וועט ער ווערן מיט געוואַלד געעפנט.״

וויפל מאָל מיר וועלן אָט די ווערטער לייענען, וועט זיך ביי אונדז אַלץ ווידער צונויפּפּרעסן דאָס האַרץ. ווי קאָנען מיר זיי וואַרענען? מיר קאָ־נען זיי נישט וואַרענען!

ליידער איז זיך סטראָפּ דאָס מאָל נישט טועה.

עס דערנענטערט זיך דאָס טרויעריקסטע, דאָס אומפאַרמיידלעכע.

XVII.

די אַנפירונג פון דער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע האָט אַ סך פאַרויסגעזען. אַ גרויסער טייל פון איר פּראָגראַם איז אויך געוואָרן אויסגעפירט.

די גאַסן־אָנגריפן פון גרעסערע קאָנצענטרירטע כוחות אויפן שונאס הויפּט־קרעפטן. דער פּאַרטיזאַנען־קאַמף פון איינצנלע גרופּן מיט קלענערע דייטשע גרופּן, ווען זיי טרעטן אויף אָפּגעזונדערטע אין דער טיפעניש פון הויפן, צווישן הייזער, צווישן חורבות. דאָס באַשיצן פון אויפדעקונג די בונקערס. די קאַמפּס־גרופּן האָבן געהיט די אָרדנונג, באַמיט זיך בעת די שריפות אָפּהאַלטן פון פּאַניק די מענטשנמאַסן, אין געוויסע פאַלן אָנגעפירט מיט דער עוואַקואַציע פון באַדראָטע בונקערס. ווי ווייט מעגלעך געפּרווט כאָטש אַ קליין ביסל לינדערן די שרעקלעכע בהלה.

מיט יעדן טאָג איז די לאַגע אַלץ געוואָרן שווערער און די מעגלעכקייטן פון קאַמף — וואָס אַמאָל קלענערע. קודם כל צוליב דעם, וואָס עס האָט זיך גענומען אויסלאָזן די אַמוניציע.

נאָך אין זיין בריוו פון 23טן אַפּריל האָט דער קאָמענדאַנט פון דער אָרגאַניזאַציע פאַרלאַנגט פרישע געווער־ליפערונגען. „שיקט אונדז לאַנג געווער — האָט ער געשריבן, — פון קורצן האָבן מיר קיין נוץ נישט...״ די יידישע פאַרטרעטערשאַפט אויף דער אַרישער זייט האָט טאַקע, נאָך גרויסע באַמיונגען, אַרויסבאַקומען אַ טראַנספּאָרט געווער, גראַנאַטן, אַמוניציע פון „גוואַרדיאַ לודאָוואַ״. ביי דער אַרומשטעלונג פון די מויערן און די קאַנאַלן איז אָבער שוין איצט נישט געווען קיין שום מעגלעכקייט דעם טראַנספּאָרט אין געטאָ אַריינצוברענגען. אַמוניציע־זאַפּאַסן פאַרמאָגן איצט סיידן נאָר פּריוואַטע בונקער־וואַכן, וואָס האָבן זיך ביז איצט אין קאַמפן נישט באַטייליקט.

פאַר דער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע הויבט אָן דער ווייטערדיקער קאַמף ביים אַמוניציע־מאַנגל פאַרלירן זיין ממשות. עס קומט דער פאָרויסגעזעענער מאָמענט, ווען מען דאַרף אַרויסציען דעם רעשט אַקטיוו פון געטאָ

אויף דער אַרישער זייט. עס איז אַזוי געווען אָפּגעשמועסט: ווען דער ווייטערדיקער קאַמף וועט שוין אוממעגלעך זיין, וועט מען אָרגאַניזירן דעם ריקצוג פון דעם רעשט כוחות — אַרויס פון געטאָ. מען וועט אַרויסנעמען די געבליבענע ביים לעבן און זיי אָפּשיקן אין וואַלד אַריין צו די פּאַרטיזאַנען־גרופּן. דאָרט וועלן זיי ווייטער קאָנען פירן דעם קאַמף קעגן דעם שותפותדיקן שונא.

די וואָס זענען געבליבן לעבן ביז אַהער, קאָנען זיך שוין זאָגן, אַז זייער אויפגאַבע איז געוואָרן אויסגעפולט. עס איז געווען אָפּגערעדט, צו באַקומען הילף פון די פוילישע אונטערערדישע פאַקטאָרן.

די ערשטע עקספּעדיציע, וואָס איז אַוועק וועגן דעם ענין אויף דער אַרישער זייט, האָט גאָרנישט נישט דערגרייכט. געגאַנגען זענען פיר — דורך די קאַנאַלן — זיי זענען נישט אַדורך. עס איז צוריקגעקומען — איינער.

די אַנדערע צוויי שליחים זענען אַרויסגעגאַנגען מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער דורך דעם זעלבן וועג. זיי האָט זיך איינגעגעבן אַרויסצובאַקומען אויף דער פוילישער זייט.

זיי האָבן אָנגעטראָפן אויף שוועריקייטן. זיי האָבן זיך אָפּגעזוימט העכער אַ וואָך, ביז זיי האָבן אַלץ באַוויזן צוצוגרייטן און זענען מיט דעם זעלבן וועג אַוועק צוריק — דורך די קאַנאַלן.

ווען זיי זענען אָבער ענדלעך, מיט שווערער מי אָנגעקומען צוריק אין געטאָ, איז געווען — סך הכל מיט איין טאָג צו שפּעט.

פון 8טן אויפן 9טן מאַי זענען זיי אַרויסגעגאַנגען, דעם 9טן אָנגעקומען אויפן אָרט. דעם 8טן מאַי האָט זיך אָפּגעשפּילט די דראַמע אויף מילע 18.

באַך מילע 29, מילע 7, מילע 9 איז די לעצטע באַזע פון דער אָנפירונג געווען מילע 18.

אין ריזיק־גרויסן, רייך מיט אַלץ פאַרזאָרגטן און באַוואָפנטן, גוט אָרגאַניזירטן בונקער, וואָס האָט געהערט צו אַ באַנדע פון יידישע אונטערוועלט־מענטשן.

דער אופן ווי אַזוי די קעמפער זענען געוואָרן אויפגענומען אין דעם בונקער, רעדט וועגן דער ליבשאַפט צו דער קאַמפס־אָרגאַניזאַציע ביים פאָלק. וועגן דער פּאָפּולאַריטעט אירער, וואָס האָט דערגרייכט ביז צו די בידריקסטע שיכטן — אַפילו צו דער אונטערוועלט.

און דאָס דערציילט אַ פּירערין, וואָס איז געבליבן לעבן:

„אַ גרופּע פון דער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע איז דאָ אַריינגעפאַלן צופעליק. דערנאָך זענען אָנגעקומען אין בונקער נאָך קאַמפּס־גרופּן, צוזאַמען אַן ערך 300 קעמפער. דער פּירער פון דער באַנדע האָט די קעמפער האַרציק באַגריסט. מיר שטייען צו אייער דינסט — האָט געזאָגט ישראל איסר... מיר וועלן אייך צונוצקומען...

...און זיי זענען אונדז באמת געווען בייהילפיק. זיי זענען געווען אונדזערע וועג־ווייזער אין די נעכט און בייטאָג האָבן זיי אונדז געהאָלפן אָבסערווירן די דייטשע פּאָזיציעס. דערנאָך ווען געטאָ איז אינגאַנצן געוואָרן אָפּגעברענט און עס איז כמעט אוממעגלעך געווען צו דערקענען די גאַסן, האָבן שוין נאָר זיי געקאָנט זיך אָריענטירן אין געביט...

עס זענען שוין אַוועק 3 וואָכן זינט דעם טאָג, ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן דער קאַמף. עס איז שוין כמעט נישט געווען מיט וואָס צו קעמפן. עס האָט זיך אויסגעשעפּט די אַמוניציע. עס האָט אונדז געפּייניקט דער הונגער. מיר זענען געשטעלט געוואָרן פאַר דער פּערספּעקטיוו פון אַ פּאַמעלעכדיקער גסיסה. נאָר דאָס געפיל פון געוויסנהאַפטיק דערפילטער פליכט האָט אונדז באַרואיקט. מיר האָבן שוין נישט געטראַכט וועגן דעם, וואָס דאַרף קומען, ווייל קומען האָט געקאָנט בלויז דער טויט. אָבער ווען און ווי אַזוי?”

די פאַרבינדונג מיט דער אַרישער זייט איז געווען כמעט ווי איבערגעריסן. די אַרויסגעשיקטע שליחים האָט מען נישט געזען צוריק. אַ חבר איז געקומען מיט דער ידיעה, אַז אויף פראַנטשישקאַנער 20 איז פאַראַן אַן אוממיטלבאַרער אַריינגאַנג אין די קאַנאַלן. דאָרט איז אויך פאַראַן אַ מענטש, וואָס קען דעם וועג. די מחברטע פון די זכרונות פירט אַרויס אַ גרופּע מענטשן, וואָס דאַרפן זיך לאָזן אין וועג אַריין. זי קומט אויף פראַנטשישקאַנער, טרעפט די חברים, רעדט אָפּ וועגן דער עקספּעדיציע און די צווייטע נאַכט קערט זי זיך אום מיט נאָך אַ פּאָר חברים אויף מילע 18.

„מיר קומען צו נאָענט — שרייבט זי ווייטער — און מיר דערקענען נישט דאָס אָרט... עפּעס איז דאָ געשען... נישטאָ קיין וואַכן ביי דעם איינגאַנג... דער בונקער האָט אָבער 6 אַריינגאַנגען. מיר גייען צו אַ צווייטן איינגאַנג, צום דריטן, צום פערטן — אָבער קיין וואַך איז אין ערגעץ נישט פאַראַן. עס חלשט אונדז דאָס האַרץ פון אומרו. פּלוצים דערזעען מיר אויפן שכנותדיקן הויף עפּעס שאָטנס פון געשטאַלטן, וואָס באַוועגן זיך אין דער

פינסטער. עס דאַכט זיך אונדז, אַז דאָס זענען אונדזערע, וואָס גייען אַרויס ביינאַכט אויף קאַמפּס־אויפגאַבן. מיר טרעטן צו נענטער. יאָ, מיר דער־קענען די חברים. זייער אויסזען איז אַ שרעקלעכער. עפּעס מאָדנע באַשע־פעניש, אויסגעשמירטע מיט בלאָטע, ציטערנדיקע, שוואַכע. איינער חלשט, איינער אָטעמט שווער. אַ חבר כאָרכלט, אַ חברטע איז פאַרוואונדעט אין קאָפּ און אין פוס. — זיי רינגלען אונדז אַרום. דערציילן."

און עס קומט די דערציילונג וועגן לעצטן אַקט.

נאָכמיטאָג — דעם 8טן מאַי — ווען זיי זענען געלעגן אויף זייערע געלעגערס האָט די וואַך געמאָלדן, אַז עס דערנענטערן זיך דייטשן. מען הערט זייערע טריט. אין אַזאַ פאַל האָבן יידישע קעמפער אַנגעווענדעט איינע פון די צוויי מעטאָדן: אָדער זיי זענען אַרויס מיט באַהאַלטענעם גע־ווער און פלוצים געעפנט אַ פייער, כדי צו דערמעגלעכן אַ טייל מענטשן צו אַנטלויפן, אָדער זיי האָבן נישט געענטפערט אויף דער דייטשער פאָדע־רונג אַרויסצוגיין און זענען געבליבן אינעווייניק. ווען דער שונא האָט גע־פּרווט אַריינגדרינגען אין בונקער, פלעגט זיך אָנהויבן דער קאַמף. אין משך פון אַ טאָג האָט מען אַמאָל געקענט איינהאַלטן די פּאָזיציע... ביינאַכט ציען די דייטשן אַרויס פון געטאָ די הויפּט־כוחות און עס איז פאַראַן אַ שאַנס זיך דורכצוברייסן.

די קעמפער אויף מילע 18 האָבן געוווּסט, אַז דייטשן נוצן גאַז, אָבער זיי האָבן נישט געוואָלט וועגן דעם קלערן... זיי האָבן באַשלאָסן צו בלייבן.

ווען די דייטשן האָבן אויפגעבראָכן דעם אַריינגאַנג און גענומען רופן די יידן אַרויסצוגיין, זענען די קעמפער געבליבן.

אַלע אויסגאַנגען פון בונקער זענען געווען אַרומגעשטעלט.

„די דייטשן האָבן איבערגעחזרט דעם באַפעל. זיי האָבן צוגעזאָגט די וואָס וועלן אַרויסגיין — אַרויסשיקן אויף אַרבעט, די איינגעקשנטע גע־דראָט מיט טויט. אַלס ענטפער דערויף האָבן די קעמפער באַפּעסטיקט דעם אַריינגאַנג און האָבן זיך געגרייט באַגעגענען די דייטשן. די דייטשן האָבן אַ צווייט מאָל צוגעזאָגט, אַז זיי וועלן די אַרויסגייענדיקע קיין שלעכטס נישט טון. די קעמפער האָבן נישט געענטפערט.

די דייטשן האָבן אָנגעהויבן אַריינצולאָזן גאַז. דער שרעקלעכער טויט פון 120 קעמפער האָט זיך דערנענטערט. עס איז נישט געווען קיין אויס־וועג.

„די דייטשן האָבן אַריינגעלאָזט אַ קליין ביסל גאַז און האָבן באַלד

אויפגעהערט. עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן דעם, צו ברעכן דעם גייסט פון די קעמפער, דורכפירנדיק אַ פּאַמעלעכדיקע עקזעקוציע...״

דעמאָלט האָט אַ חבר אויסגערופן: מיר וועלן באַגיין זעלבסטמאָרד! מיר וועלן זיך נישט לאָזן פּאַנגען לעבעדיקערהייט.

און די חברים האָבן אים געפאָלגט. איינער נאָכן אַנדערן. „עס האָט געטראָפן, אַז אַ רעוואָלווער האָט זיך פאַרהאַקט און אַ חבר האָט געבעטן ביי אַ חבר צו געבן אים די קויל...״

איינער אַ יונגער חבר האָט מיט פיר קוילן דערהרגעט זיין געליבטע מוטער, איידער ער האָט זיך אַליין גענומען דאָס לעבן. אַ צווייטער אַ פאַר־וווּנדעטער מיט אַ פּאָר טעג פריער, האָט זיך געווענדעט צו אַ קאָלעגע, געבעטן אים דערשיסן...

דער רעשט, די וואָס האָבן זיך נישט דערשאָסן — אפשר איז נישט געווען גענוג קיין קוילן — זענען דערשטיקט געוואָרן פון גאַז... בלויז די עטלעכע, וואָס די חברים פון פראַנטשישקאַנער האָבן געטראָפן אויף די חורבות, זענען שפּעטער צו זיך געקומען פון דער ווירקונג פון דער גאַז־באָמבע, — פון סטראָפּס „נעבעלקערצן״...

איינגעבראָכן זיך, אַרויסגעגאַנגען צו די דייטשן איז קיין איינער נישט פון זיי.

צי פילט איר אָט די קראַפט פון אָט די יונגע? די גרויסע גייסטיקע גבורה, וואָס איז בכוח געווען באַהערשן דעם ווילן צום לעבן, דעם פחד פאַרן טויט?!

אין קעלער אין דער פינסטערקייט איז געווען דער שטיקנדיקער גאַז, דער טויט. איבערדרויסן לופט צום אָטעמען, אַ שאַנס צו לעבן.

און זיי זענען געטריי געבליבן זייער אידעאַל. זיי זענען צו דעם שונא נישט אַרויס...

צוזאַמען מיט זיין מיליטער איז אומגעקומען מרדכי אַניעלעוויטש — דער קאָמענדאַנט פון אויפשטאַנד.

דער גורל האָט אַזוי געפירט.

כדי אַרום דעם יונגן העלדן־קאָפּ זאָל אויפשיינען דאָס סאַמע העלסטע ליכט.

דער אָרעאָל פון טויט.

XVIII.

די נאַכט פון 8טן אויפן 9טן מאַי איז די גורל־נאַכט פון די געבליבענע ביים לעבן.

פונקט אַזאַ דערשיטערונג, ווי די גרופּע, וואָס איז געקומען פון פראַנטשישקאַנער, האָט אויף די חורבות פון דעם בונקער מילע 18 איבער־געלעבט אַ צווייטע גרופּע. די קעמפער, וואָס זענען מיט אַ נאַכט פריער געהאַט געגאַנגען זוכן אַן אַרויסגאַנג דורך דער סמאַטשע־גאַס. געוואָרן באַ־שאָסן דורך אַ נאַכט־פּאַטראָל. זיך פאַנאַנדערגעשיט איבער די חורבות און ערשט איצטער, געמינערט אין צאָל, זיך דערשלאָגן צו דער באַזע.

די באַזע איז שוין מער קיין באַזע נישט געווען...

אַרום 2 אַזייגער אין דער נאַכט שטייגט אויס פון דער קאַנאַל־עפענונג אויפן ראָג פון זאַמענהאָף און סטאַווקי דער חבר פון דער עקספּעדיציע, וואָס איז מיט אַ צייט צוריק אַרויס אויף דער פּוילישער זייט אָרגאַניזירן דאָס אַרויסציען פון דעם געבליבענעם אַקטיוו.

אַ צווייטער חבר בלייבט אינעווייניק מיט צוויי פּוילישע קאַנאַל־אַר־בעטער — די וועגווייזערס.

פראַנטשישקאַנער 30, פראַנטשישקאַנער 22, אַ ריי הייזער אויף נאַ־לעווקעס, מילע, זאַמענהאָף. אומעטום חורבות, אומעטום פאַרוויסטונג — קיין מענטש, קיין שפּור. אַ פאַרצווייפלטער קומט צוריק דער חבר אין קאַ־נאַל מיט דער ידיעה, אַז עס איז שוין קיינער נישט פאַראַן. ערשט אויפן וועג צוריק, באַגעגענען זיי אַ טייל פון די אָפּגעראַטעוועטע אונטער דער ערד. זיי קערן זיך אום נאָכאַמאָל אין געטאָ.

צונויפגעזוכט אַ גרופּע מענטשן. אַ נייע סעריע שווערע און לאַנגע שעה פאַרבראַכטע אין די קאַנאַלן. ערשט אויף צומאָרגנס, דעם 10טן מאַי, אינמיטן העלן טאָג קומט פאַר דאָס באַרימטע אויסשטייגן פון דעם קאַנאַל אויפן ראָג פון וואָרשע און פּראָסטע.

נישט אַלץ איז דורכגעגאַנגען, ווי ס'איז געווען אָפּגערעדט. אַ צוגע־גרייטער לאַסט־וואָגן האָט פונדעסטוועגן געוואַרט. אַ גרופּע יידישע און פּוילישע חברים האָט געהיט די גאַס.

טויט פאַרמאַטערטע, איינגעשמירטע, אָפּגעריסענע, נאָר מ י ט ג ע־וו ע ר א י ן ה א נ ט, קומען זיי אייגער גאָכן אַנדערן אַרויס פון דעם קאַנאַל. אַן ערך 40 מאַן. גרייטע אַ יעדע רגע צו פּאַרטיידיקונג, שפּרינגען זיי אַרויף אויפן וואָגן. נישט געקוקט אויף דעם אַלאַרם, נישט געקוקט אויף דער פאַרפאָלגונג, פאָרן זיי אַדורך די בריק איבער דער ווייסל, באַקומען זיך אַרויס פון שטאָט אויף דעם שאָסיי. דעם זעלבן אָוונט קומען זיי אָן אין וואַלד אַריין בייווישקאָוו. פאַרייניקן זיך מיט אַ פּאַרטיזאַנער־אָפּטייל פון דער גוואַרדיאַ־לודאָווא.

אַ צווייטע גרופּע קעמפער, וואָס האָט זיך אַרויסבאַקומען דורך אַן אַנדערן וועג, האָט ווינציקער מזל. זיי ווערן דערווישט אין דאָרף פּלודי נעבן וואַרשע. זיי פאַרטיידיקן זיך און פאַלן ביז איין מאַן אָוועק, צוזאַמען מיט דעם העלדישן באַגלייטער.

דעם 10 מאַי ביינאַכט איז פון דער קאַנאַל־עפנונג אויפן ראָג פון לוצקיע און פּראָסטע אַרויס אַ גרופּע פון 12 קעמפער פון צענטראַלן געטאָ. אויף גזשיבאָווסקיע איז פאַרגעקומען זייערדער אַ צוזאַמענשטויס מיט דייטשן.

די קעמפער, וואָס זענען אַרויסגעגאַנגען אין אַ פריערדיקן טערמין פון די שאָפּ־געביטן, האָבן זיך אויך נאָר טיילווייז אָפּגעראַטעוועט.

פון אַלע גרופּן פון דער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע האָבן זיך געהאַט אַרויסגעראַטעוועט אויף דער פּוילישער זייט בסך הכל 80 קעמפער.

אַ טייל פון זיי האָבן געקעמפט אַלס פּאַרטיזאַנען אין די פּוילישע פאָרמאַציעס, אַ טייל האָבן זיך אין יאָר 1944 באַטייליקט אַלס באַזונדערער אָפּטייל אין אַלגעמיינעם אויפשטאַנד פון וואַרשע אין די רייען פון „אַרמיאַ לודאָוואַ".

עס זענען געפאַלן אַלע נייע און נייע קרבנות — פון קאַמף, פון מסירה, פון קראַנקייטן. איבערגעלעבט די אָקופּאַציע און מלחמה, דערלעבט דעם טאָג פון דער באַפרייאונג האָט גאָר אַ קליינע גרופּע.

ביים היינטיקן טאָג לעבן אין ארץ ישראל און אין פּוילן נישט מער ווי אַן ערך 10 מיטגלידער פון דער יידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע אין וואַרשע.

אַזאַ פּראָצענט, ווי ס'איז דער אַלגעמיינער פּראָצענט פון געראַטעוועטע יידן ביי אונדז אין פּוילן.

XIX

די הילף פון „גוואַרדיאַ לודאָוואַ" ביים ראַטעווען די לעבנגעבליבענע קעמפּפער, איז נישט געווען דער איינציקער אַקט פון ברידערלעכער סאָלידאַרישקייט מצד די פוילישע אונטערערדישע אָרגאַניזאַציעס.

די קאָנטאַקטן האָבן זיך אָנגעהויבן אַ סך פריער.

די אָנפירער פון דער יידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע האָבן געמאַכט די גרעסטע באַמיונגען, כדי צו געווינען די אונטערשטיצונג פון דער פוילישער אונטערערדישער באַוועגונג פאַר די יידישע צוגרייטונגען צום קאַמף.

קודם כל האָט זיך געהאַנדלט וועגן געווער.

זיי האָבן זיך געווענדעט צו די פאָרשטייער פון דער עמיגראַנטישער רעגירונג, זיי האָבן אויך געזוכט קאָנטאַקטן מיט די פוילישע מיליטערישע אָרגאַניזאַציעס.

אין געוויסע קרייזן האָבן די יידישע באַמיונגען אָנגעטראָפן אויף אַ טויבער וואַנט.

נישט געקוקט אויף גענעראַל שיקאָרסקיס שטעלונג צו דער יידן־פראַגע און צו די אינטערנאַציאָנאַלע פּאָליטישע פּראָבלעמען, האָבן נישט געפעלט אין דער פוילישער פּאָליטיק קיין פאַשיסטיש־רעאַקציאָנערע און אַנטיסע־מיטישע עלעמענטן, וואָס זענען געווען צופרידן מיט דער „שוואַרצער אַר־בעט", וואָס די דייטשן טוען לטובת די פּאָלאַקן — „באַפרייענדיק פּוילן פון דער יידן־פראַגע".

צוליב דער דירעקטער און אומדירעקטער השפעה פון אָט די עלע־מענטן, איז די הילף מצד דער דעלעגאַטור, הגם זי איז פאַראַן געווען, — געטון געוואָרן מיט אַ האַלב האַרץ. עס איז געווען אָפּטמאָל צו פאַרדאַנקען מער דער פערזענלעכער איידלקייט פון אַ פּוילישן אונטערערדישן רעגי־רונגס־פאָרשטייער, אויב עס איז אויף געוויסע סעקטאָרן געווען בעסער.

צו אַזעלכע האָט געהערט צוו"אַ דער סעקטאָר פון קאָנטאַקטירן די יידן מיט אויסלאַנד.

בשעת דעם אויפשטאַנד, האָט זיך די האַלבקייט פון דער שטעלונג צו די יידן מצד אַ טייל „לאָנדאָנער״ פאַרטרעטער אויפן פאַטאַלסטן אופן אָפּגע־שלאָגן אויף דעם יידישן גורל.

נישט אין פּרט פון ליפערן געווער, נישט אין קיין אַנדערע פּרטים, זע־נען קיין שטאַרק עפעקטיווע מעשים נישט געוואָרן אויפגעטון. מען איז אָפּגע־קומען מיט קאָמפּלימענטן און אָנערקענונג פאַר דעם יידישן העלדנמוט. מיט אַרטיקלען אין דער אונטערערדישער פּרעסע.

אַפילו קעגן די דעק־עלעמענטן, וואָס האָבן זיך געמאַכט אַ פּרנסה פון מסרן, באַגזלהנען און רודפן די יידן, וואָס פּרווון זיך ראַטעווען אויף דער אַרישער זייט — האָט מען קיין ענערגישע מיטל נישט געפונען.

נאָך לאַנגע און שווערע באַמיונגען מצד יידישע פאָרשטייער, האָט מען אַרויסגעלאָזט אַן אויפרוף מיט דראָונגען פון סאַנקציעס קעגן אָט די מנבלים.

דער אויפרוף איז געקומען אַ היפּש ביסל צו שפּעט.

און דווקא אין דער ריכטונג האָט די פּוילישע אונטערערדישע רעגירונג געקענט אַ סך העלפן. איר אויטאָריטעט אין לאַנד איז שוין אין יאָר 1943 געווען געווען שטאַרק, כדי זי זאָל קענען שטערן די רדיפות קעגן יידן אויף דער אַרישער זייט מצד די שאַנטאַזשיסטן־באַנדעס.

אויך די פראַגע האָבן אָבער די נעכטיקע סאַנאַטאָרן געלאָזט אויף גאָטס באַראָט.

נישט קיין סך בעסער איז געווען די שטעלונג צו די יידן, מצד די רעכטע מיליטערישע פאָרמאַציעס, וואָס האָבן זיך קאָנצענטרירט, אָדער בעסער געזאָגט אָנגעפירט מיט דער „אַקאַ״.20) זיי האָבן דערווייל גע־האַלטן פון פּרינציפּ פון שטיין „מיט געווער ביי פוס״. און די יידישע אַנטשלאָסנקייט צום קאַמף, פונקט ווי דער אויסברוך פון אויפשטאַנד, האָט ביי זיי אַרויסגערופן אַ קנאַפּן ענטוזיאַזם. ווען דער אויפשטאַנד האָט זיך אָנגעהויבן, האָבן זיי געפּרוווט משפּיע זיין, ער זאָל דויערן וואָס קירצער. זיי האָבן זיך געשראָקן, אַז דער „פונק זאָל נישט אַריבערשפּרינגען״ — פאַר דער צייט.

די פּולע חברישע באַציונג און אונטערשטיצונג האָט די יידישע אָרגאַני־זאַציע געפונען נאָר ביי די לינקע אונטערערדישע אָרגאַניזאַציעס און ביי זייערע מיליטערישע פאָרמאַציעס.

די דאָזיקע אָרגאַניזאַציעס האָבן קיין גרעסערע באַוואָפנונגס־מעגלעכ־קייטן נישט געהאַט. פונדעסטוועגן האָבן זיי געטון וואָס זיי האָבן נאָר גע־קענט און סיי פאַרן אויפשטאַנד, סיי בשעת דעם אויפשטאַנד, האָבן זיי גע־שטעלט די יידן צו פאַרפיגונג אַ סכום געווער און אַמוניציע.

דער אָנפירער פון פפ״ר האָט אין דער צייט פון אויפשטאַנד איבערגעגעבן דעם פאַרשטייער פון דער קאַמפס־אָרגאַניזאַציע 25 ביקסן. דאָס איז פאַר די מעגלעכקייטן פון יענער צייט געווען זייער אַ סך.

מצד דער „גוואַרדיאַ לודאָוואַ״ זענען אויך אָרגאַניזירט געוואָרן אַ ריי אָנפאַלן אויף פאָזיציעס, פון וועלכע די דייטשן האָבן געשאָסן אויפן געטאָ.

אויף ראָג נאָוויניאַרסקע און פראַנטשישקאַנער איז דעם 21 אַפּריל אויסגעפירט געוואָרן אַן אויסערגעוויינלעך דרייסטער אַטאַק אויף דער מאַנ־שאַפט פון דעם מאַשין־געווער, וואָס האָט געהאַגלט מיט קוילן אויפן געטאָ.

אין שפּיץ פון דער גרופּע, וואָס האָט אויסגעפירט דעם אַטאַק איז גע־שטאַנען אַ מאָלער מיטן פּסעוודאָנים „יאַצעק״.

סטראָפּ באַטירט דעם טאָג — „די מאַנשאַפט ביי די מויערן פון געטאָ האָט געהאַט צוויי טויטע.״

אויך אין אַנדערע טעג געפינען מיר ביי סטראָפּן פאַרצייכענונגען וועגן צוזאַמענשטויסן מיט באַוואָפנטע פּאָליאַקן, וועגן אַן עקזעקוציע פון 35 פּאָ־לאַקן געכאַפּטע מיט געווער אין האַנט ביים ראַנד פון געטאָ. די פּאָלאַקן זאָלן האָבן פאַרן טויט געמאַכט אויסרופן „זאָל לעבן פּוילן, זאָל לעבן מאָסקווע!״ אויך דאָס וואָלט אַגעוויזן אויף זייער אידעישער אָפּשטאַמונג.

עס זענען פאָרגעקומען נאָך אַנדערע פאַלן פון פּוילישער וואָפנהילף פאַר יידן — אין יענע און אויך אין שפּעטערדיקע טעג. נישט אַלע זענען נאָך באַקאַנט און אויפגעקלערט — פונקט ווי וועגן די יידישע קאַמף־אַקטן ווייסן מיר נאָך נישט אַלץ.

די רעכטע עלעמענטן אין דער פוילישער אונטערערד האָבן געציטערט, דער „יידישער פונק“ זאָל נישט אַריבערשפּרינגען. אויך די דייטשן האָבן זיך געשראָקן פאַר דעם „פונק“. האָבן אָבער געבעלסעס משר־תים באַצייטנס וואָס צוגעגרייט און צוגעטראַכט.

קודם כל די מעשה מיט קאַטין.

די נבלה איז פונקט רייף געוואָרן דעמאָלט. די פּראָוואָקאַציע פון אונ־טערוואַרפן דער ראַטן־מאַכט דאָס דייטשע פאַרברעכן איבער די געפאַנגענע פוילישע אָפיצירן. די קברים געזען שוין געהאַט „געפונען“ געוואָרן זינט אַ צייט. מיטן אויפהייבן דעם קוויטש האָט מען געוואַרט.

דעם ערשטן, אָדער צווייטן טאָג פון דער אַקציע אין געטאָ, זענען זיי מיט אָט דעם קוויטש אַרויס. דורך די צייטונגען און ראַדיאָ־מעגאַפאָנען. די מעשה איז ממש מייסטעריש געוואָרן אויסגענוצט, כדי אָפּצווענדן די אויפ־מערקזאַמקייט פון די פאָלאַקן צו דעם, וואָס ווערט געטון אין געטאָ.

כדי פאָרצושטעלן די אַקציע קעגן די יידן שיר נישט, ווי אַ נקמה־אַקט פאַרן „אויסמאָרדן די פוילישע אָפיצירן אין קאַטין“.

מיטן קאָקעטירן די פאָלאַקן און שטעלן זיך אין דער ראָל פון זייערע פאַרטיידיקער, האָבן די דייטשן אין וואַרשע קיין דערפאָלג קיינמאָל נישט געהאַט. די שנאה צום דייטש אין אַלע קרייזן איז געווען גרויס. ווען מען האָט אָבער 4 מאָל אַ טאָג גענומען מיט אַלע פערזאָנאַליען אויסרעכע־נען די נעמען פון די געהרגעטע אָפיצירן, האָבן זיך מאַסן מענטשן גענומען אויפקלויבן אונטער די מעגאַפאָנען. די אויפמערקזאַמקייט פון געטאָ איז טאַקע געוואָרן אָפּגעווענדט. דאָס פּראָטעסט־געפיל קעגן דער דייטשער רציחה לגבי דער אומגליקלעכער יידישער באַפעלקערונג, דער אינטערעס און די סימפּאַטיע צום קאַמף איז געוואָרן אָפּגעשוואַכט.

גלייכצייטיק זענען די דייטשן אויסן געווען דורך דער אכזריות קעגן די יידן, צו ווייזן די פאָלאַקן זייער שטאַרקע פויסט.

אויך וועגן דעם געפינען מיר ביי סטראָפּן אַ קלאָרן אָנווייז. ער נאָ־טירט אַ פּאָר מאָל דעם רושם פון דער „האַרטקייט“ קעגן די יידן אויף די שטימונגען פון דער פוילישער באַפעלקערונג.

סיי ער, סיי פישער, דער גובערנאַטאָר, העגגען אַרויס צוגעפּאַסטע „אויפקלערונגס“־פּלאַקאַטן, דראָונגען. פאַר איבערהאַלטן יידן — טויט־שטראָף.

כדי אָנצושפּאָרנען די „גראַנאַטענע״ פּוילישע פּאָליציאַנטן, אויסצו־שפּירן און צו פאַנגען יידן, זאָגט מען זיי צו אַ דריטל רויב.

דער סם האָט געווירקט.

איינע זענען געוואָרן אונטערגעהעצט פון אַלטן אויסגעפּרוווטן פּזמון „זשידאָקאָמונאַ״. די אַנדערע טעראָריזירט.

די פּראָפּאַגאַנדע, די אָפענע און די פאַרהוילענע — מיט דער הילף פון אָנגעשטעלטע אַגענטן — האָט געאַרבעט מעשים.

אין די שויפענסטער פון די געשעפטן האָט מען ערב־חוגא אַרויסגע־שטעלט בילדער, וואָס האָבן פאָרגעשטעלט כלומרשטע אכזריותן פון סאָ־וויעטישע זעלנער און קאָמיסאַרן מיט יידישע נעז.

אויף די מויערן האָט מען אַרויסגעהאָנגען אַ רעפּראָדוקציע פון אַן אַלטן פּוילישן פּלאַקאַט פון יאָר 1920, וואָס האָט פאָרגעשטעלט די סאָ־וויעטישע געפאַר אין דער געשטאַלט פון אַ רויטן טייוול. אויך דער דאָזי־קער טייוול האָט געהאַט אַ יידישע נאָז...

דער פּירוש איז געווען אַלץ איינער און דער זעלביקער.

דער ייד הרגעט, ראַבעוועט, שענדט פרויען, דערטרינקט קינדער — ער באַהערשט מלוכות, ער וויל איינשלינגען די וועלט.

עס איז געווען ערב חוגא. אויך ביי די פּאָלאַקן איז געווען דער פרי־לינג־יום־טוב. דאָס יאָר האָט וואַרשע אויסטערלישע פאַסטנאַכט־שפּילן צוגעקוקט.

איבער דער צפון־געגנט פון דער שטאָט האָט זיך געקנוילט, ווי אי־בער אַ ווולקאַן — אַ כמאַרע רויך. אין די נעכט האָט מען געזען דעם פלאַם, אין וועלכן עס זענען פאַרברענט געוואָרן מענטשן לעבעדיקערהייט. ד אָ ר ט האָט מען געמאָרדעט און פאַרטיליקט מענער, פרויען, קינדער.

און ד אָ האָט מען דעם ייד געמאַכט פאַר דעם מערדער און דעם אומברענגער פון פרויען און פון קינדער.

געווען אַזעלכע טיפּשים, וואָס האָבן דאָס געגלויבט. אויך דאָס, אַז דאָס געווער, מיט וועלכן יידן פאַרטיידיקן זיך, איז געווען באַשטימט צו מאָרדן די פּאָלאַקן. אַז באַקומען האָבן עס די יידן פון רוסישע דעסאַנטן...

נישט אַנדערש — די דייטשן זענען די באַשיצער פון דער פּוילישער באַפעלקערונג, אירע באַפרייער פאַר דער "יידישער געפאַר".

אַזעלכע טיפּשים זענען נישט קיין סך געווען, אָבער אויף ציען נוצן פון יידישן אומקום, האָבן זיך געפונען מער בעלנים.

יידיש לעבן און פאַרמעגן איז געווען הפקר.

פון דעם דנאָ פון אונטערוועלט זענען אויפגעשטיגן די נידריקסטע. זיי זענען געוואָרן די פּוסקים פון דער גאַס.

א ויפגעשווידערטע פון פּראָטעסט קעגן דעם דייטשן פאַרברעכן, פון גרויל צוליב דעם מאָרד, פון עקל צו די אייגענע מנוולים, האָבן די בעסטע מענטשן פון דער פּוילישער געזעלשאַפט צוגעקוקט, וואָס עס קומט פאָר. אַ טייל זענען פאַר גרויל פון שטאָט אַוועק. אַנדערע האָבן ג ע ה אָ ל פ ן, ווי אַזוי זיי האָבן געקאָנט.

דער אינדיפערענטער עולם האָט זיך אין זייגע שטימונגען געביטן פון איין טאָג אויפן אַנדערן. געווען נאָכאַנאַנד באַהערשט פון איבעראַשונג, פון צושטימונג צו דער טאָט פון די יידן, פון סאַטיספאַקציע, וואָס דייטשן נעמען קלעפּ. דערנאָך געגומען ספקנען, פאַרמישן דאָס רחמנות מיטן סם. צום סוף צוריקגעגאַנגען צו די אייגענע ענינים, צו די זאָרגן פונם טאָג. דער פּיליסטער האָט זיך אַליין צוריק געפונען אין עגאָיזם, אין גלייכגיל־טיקייט.

א בער די ה ע ל פ ע ר — האָבן זיך נישט איינגעבראָכן. נישט פון פחד, נישט פון ליגן, נישט פון מענטשנהאַס.

איינגעשטעלט דאָס לעבן און געראַטעוועט אַן עלנט יידיש קינד, פרעמדע יידן, נאָענטע פריינט.

איינזאַמע זענען אונדזערע ברידער געווען אין טאָג פון לעצטן משפט — אָבער נישט אַליין.

אַ חוץ די מיטגלידער פון פּאָליטישע פּאַרטייען, האָבן דערלאַנגט אַ האַנט די יידן אויך מענטשן, וואָס האָבן צו קיין פּאַרטייען נישט געהערט. אָרעמע און רייכע — די העכסטע אינטעלעקטועלע עליטע און דער פּשוטער פאָלקס־מענטש. די הילף, דאָס מענטשלעכע געפיל איז ביי זיי געווען אַ זאַך פון האַרץ.

אין די אינטעלעקטועלע קרייזן האָט זיך אַנגענומען אַ וואָרט, אַז עס איז נישטאָ קיין אנשטענדיקער מענטש, וואָס זאָל נישט האָבן זיינע העגט

אין דער אַרבעט צו העלפן יידן. אַפילו „פּרינציפּיעלע אַנטיסעמיטן" האָבן עס געטון.

פּראָפעסאָרן, קינסטלער, דאָקטוירים, אינזשיניערן, פּוילישע, האָבן אין אַ סך פאַלן געראַטעוועט זייערע קאָלעגן.

די לעבנסגעזעצן זענען אַזעלכע, אַז געגאַסן פון דער הילף האָבן אין דער ערשטער ריי יידן אַסימילירטע, מיט פּוילישע פאַרבינדונגען. אָבער — נישט נאָר זיי.

אַ געזעלשאַפטלעך אָרגאַניזירטע פאָרם האָט די הילף אָנגענומען אין דער טעטיקייט פון דעם „ראָט צו העלפן יידן", צוזאַמען מיט די עקספּאָזי־טורן פון דער יידישער קאָאָרדינאַציע־קאָמיסיע, פון נאַציאָנאַל־קאָמיטעט, אויך מיט די פאַרטרעטערשאַפטן פון די באַזונדערע יידישע פּאַרטייען אויף דער אַרישער זייט — טיילווייז לויט זייער איניציאַטיוו — האָט די דאָזיקע אָר־גאַניזאַציע געטראָגן הילף יידן אין פאַרשידענער געשטאַלט.

אַ געוויסע הילף האָבן יידן, אַנטלאָפענע פון געטאָ, באַקומען אויך מצד גלחים, נאָנעס. מצד מענטשן, וואָס די הילף פאַר די אומגליקלעכסטע איז געווען ביי זיי אַ געבאָט פון — גאָט.

ביי די ראַנדן פון געטאָ האָט זיך יידיש בלוט אינאיינעם מיט פּוילישן געטון אַ גאָס.

אַזוי איז געווען בשעת דעם אויפשטאַנד. צוזאַמענאַרבעט און צוזאַ־מענקאַמף איז צווישן די בעסטע פּוילישע און יידישע מענטשן פאָרגעקומען אויך שפּעטער — די גאַנצע צייט.

ווען מיר דערמאָנען דעם קאַמף און די פּיין פון יידן, דאַרפן מיר דער־מאָנען אויך דעם קאַמף און די הילף פון די פּאָלאַקן פאַר דעם זעלבן מענטשן־אידעאַל.

XX

בּישט אַלע מיטגלידער פון דער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע, וואָס האָבּן דער־לעבּט דעם 9טן מאַי, זענען אַרויס פון געטאָ.

עס זענען געבּליבּן נאָך דריי קאַמפּס־גרופּן, וואָס האָבּן געקעמפּט אין געטאָ בּיז צו לעצט.16)

בּיז צום סוף פון סטראָפּס „גרויס־אַקציע" און אויך נאָך איר פאַרענ־דיקן.

געווען זענען אויך דרויסנדיקע מיטקעמפּער — די גאַנצע צייט. די בּונקער־וואַכן, די פאַרטיידיקער, וואָס פלעגן ס'רוב אין די מאָמענטן אויפ־קומען, ווען דייטשן פלעגן זיך צו זיי דערקלייבּן.

געווען אַזעלכע, וואָס פלעגן אין אַזאַ מאָמענט אָפּהענטיק ווערן. נישט בּאַוויזן צו מאַכן קיין געבּרויך פון דעם געווער. געווען אָבּער אויך אַנ־דערע, אַזעלכע, וואָס האָבּן דעם גאַנצן צאָרן און פראָטעסט פון מענטשן, אומשולדיק אויף טויט פאַרמשפּטע, אַריינגעלייגט אין לעצטן זשעסט.

דעם בּיישפּיל האָבּן זיי גענומען פון דעם אָרגאַניזירטן ווידערשטאַנד פון דער „פאַרטיי".

נישט איין מענטש האָט אויך מיט עפּעס זיך געוואָלט בּאַווייזן פאַרן טויט.

צי פילט איר, ווי עס גלייכט זיך אויס צוריק דער מענטש — אַזאַ געלעסטעטער?

ווי ער געפינט צוריק זיין ווירדע, נאָך אַזוי פיל דערנידעריקונג און הפקר זיין.

ער שרייט דעם אמת און ער שעלט.

ער שפּייט דעם תליון גלייך אַריין אין פּנים. ער האָט בּאַוויזן גובר זיין דעם פּחד פאַרן טויט.

אינדיווידועלער און קאָלעקטיווער אָפּוער, נקמה־אַקטן — זענען אין געטאָ פאָרגעקומען די גאַנצע צייט פון קאַמף.

אין דער לעצטער פאַזע טרעטן זיי בּולטער אַרויס.

עס גיסן זיך צונויף די בּיידע שטראָמען. דער רעשט פון ווידערשטאַנד.

ד י דריי צוריקגעבליבענע קאַמף־גרופּן האָבן כסדר נאָך געלאָזט הערן פון זיך דורך אָפּהילכן פון אַ דאַפּלטער שיסעריי.

דעם 9טן און דעם 10טן מאַי נאַטירט סטראָפּ אַלץ נאָך ווידערשטאַנד ביים אויפדעקן פון בונקערס. דערציילט מיט פּרטים דאָס זעלבע, וואָס די יידן, וועגן אַרויסגאַנג פון דער קאַמפּס־גרופּע דורכן קאַנאַל אויף פּראָסטע־גאַס וועגן דעם אומזיסטן געיעג נאָך איר. 15 באַוואָפנטע יונגע מענטשן האָט מען געכאַפּט באַלד נאָכדעם אין אַ זייטיקן קאַנאַל, 1 באַוואָפנטן אין גאַס. סטראָפּ מיינט, אַז אויך די מענטשן זענען מיטגלידער פון דער אָרגאַניזאַציע. ער איז פון ליקווידירן די יידישע קאָמענדע אַזוי באַגייסטערט, אַז ער שווערט נישט פריער צו פאַרלאָזן וואַרשע, ביז ס'וועט ווערן ליקווידירט דער סאַמע לעצטער ייד.

דעם דאָזיקן ציל וועט ער קיינמאָל נישט דערגרייכן.

ער האָט אויך אָן דעם דערגרייכט אַ סך...

ד אָס אַרויסגיין פון די קעמפער פון קאַנאַל ביי דער גרענעץ פון דעם קליינעם געטאָ, האָט ביים תליון אַרויסגערופן אַ ספּעציעלן כעס.

ד ע ם 1 2 ט ן מ אַ י פאַרברענט ער און רייסט אויף דעם טע־בענס־בלאָק אויף פּראָסטע־גאַס.

עס שטעלט זיך אַרויס, אַז אַפילו פון דאָרט האָבן די יידן נישט אַלע זיך געלאָזט אַרויספירן קיין פּאָניאַטאָוו. הגם זיי זענען געווען אינגאַנצן אָפּגע־ריסן פון די יידן אין צענטראַלן געטאָ, הגם זיי האָבן אויך נישט פאַרמאָגט קיין גרופּן פון דער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע. איצט איז געקומען אויך זייער ביטערער און גרוילדיקער סוף.17)

א דאַטע פון גרויסער וויכטיקייט איז דער 13טער מאַי.

די דאַטע געדענקען אַלע, וואָס זענען דעם טאָג געווען אין וואַרשע — אויך אין געטאָ. אַדאַנק דעם קאָן מען אויפקלערן געשעענישן, וואָס ווערן דערמאָנט אין סטראָפּס ראַפּאָרט.

אַן עפּיזאָד, וואָס האָט געטראָפן ביים אַרויסשלעפּן די יידן פון אַ בונקער:

„אַ יונג מיידל, וואָס האָט געזאָלט ווערן רעווידירט, האָט בליצשנעל געטון אַ כאַפּ אַרויס פון אונטער איר קלייד אַ האַנטגראַנאַט, געטון אים אַן

„ענטזיכער״ און אַ שליידער צווישן די מענער, וואָס האָבן די רעוויזיע דורכגעפירט. דערביי איז זי אַליין בליצנעל אָפּגעשפּרונגען און באַהאַלטן זיך צווישן די חורבות.״

די מעשה שטימט אין אַלע פּרטים מיט אַ יידישער גבית עדות וועגן אַ געפּעכט אויף די חורבות פון פראַנטשישקאַנער 20 און וועגן דעם מיידל, וואָס האָט געוואָרפן דעם גראַנאַט, געפאַלן מיט אַ העלדן־טויט.

מיר ווייסן איצטער ווער דאָס מיידל איז געווען. דער פאַקט איז פאָר־געקומען אין טאָג פון דעם סאָוויעטישן לופט־אַנגריף אויף דייטשע אָביעקטן אין וואַרשע.

דעם טאָג געדענקען ג ו ט די יידן.

דער אָנפלי איז געווען פאַר די יידן סיי אין געטאָ, סיי אויף דער „אַרי־שער זייט״ אַ שטאַרקונג און אַ טרייסט.

פונקט ווי בשעת דער גרויסער גירוש־אַקציע אין אויגוסט 1942, האָט אויך איצט דער סאָוויעטישער לופט־אַטאַק באַדייט פאַר די געמאַר־דעטע אַ שאָטן פון אַ האָפנונג אין דעם טויט־קלעם.

אַ דערפילונג פון דעם פיבערדיקן חלום פון נקמה.

אַ באַשטעטיקונג פון דער דערוואַרטונג, אַז עס קאָן קומען צו הילף די יידן אַ מעכטיקער באַשיצער. אַז ענדלעך וועט זיך אָפּרופן די וועלט אויף דער עוולה און פאַרברעכן, וואָס ווערט מיט זיי געטון.

אַן אָפּרוף איז אָבער געקומען בלויז פון מזרח. די מערב־מלוכות, וואָס האָבן שוין געהאָט באַהערשט דעמאָלט דעם לופט־שטח איבער דעם דייטשן רייך, האָבן געהאָט אופנים צום אָננעמען ספּעציעלע רעפּרעסיעס פאַר מאָרדן יידן.

זיי האָבן נישט געגעבן זיך די מי. זיי האָבן נישט געוואָלט.

אומזיסט זענען געווען די יידישע באַמיונגען אין יענע לענדער צו דעם זיי צו באַוועגן.

ג עווען געהרגעטע צווישן דער דייטשער מויער־וואָך פון אָנפלי. בשעת דעם אָנפלי האָבן יידן זיך געפּרוווט אַרויסבאַקומען. אַ טייל פון אָט די פּרוון איז געלונגען.

דעם 14טן מאַי — איז דער ווידערשטאַנד נאָך אַלץ נישט אויסגעלאָשן. ביינאַכטיקע צוזאַמענשטויסן פון דייטשע פּאַטרולן מיט „יידן, וואָס שיסן פון פּיסטוילן און פון האַנטפייערוואַרפער." אויך פון דער אַרישער זייט ווערן באַשאָסן די דייטשע וואַכן. פאַראַן פאַרוואונדעטע. סטראָפּ באַטירט: „אַ צוזאַמענשטויס מיט אַ באַוואָפנטער חברה ביי דער גרענעץ פון געטאָ, אויף דער אַרישער זייט."

„10 ביז 14 מאַן אויף דעכער פון יענער זייט מויער — ווער זיי זענען, ווייסן מיר דערווייל נאָך נישט. זיי זענען געגאַנגען אָנגעטון אין דייטשע העלמען און מונדירן."

די יידן האָבן זיך איצט געמאַכט אַ נייע טבע — קלאָגט זיך סטראָפּ. זיי נוצן אויס די חורבות, קלייבן זיך אַרויף אויף הויכע ערטער. באַהאַלטן זיך דאָרט אויס אויף גאַנץ געבליבענע רעשטן פוןביידעמער, פון אָפּגע־ברענטע טרעפּ, צו וועלכע עס פירט שוין קיין שום צוגאַנג נישט. אַנטפּלעקט מען זיי דאָרט — טרעפט אָפּט — זיי נעמען שליידערן פון אויבן — ווי אין די אַנהויב־טעג — גראַנאַטן און פלעשער מיטן מאָלאָטאָוו־קאָקטייל. עס שטעלט זיך אַרויס, אַז דאָס אויסברענען די הייזער, איז אַלץ נאָך נישט גענוג, כדי די יידן אינגאַנצן אוממעגלעך צו מאַכן, זיך אויפצוהאַלטן אינם געטאָ.

סטראָפּ נעמט שוין מיד ווערן. ער זעט שוין, אַז ער וועט מוזן מבטר זיין אויף דעם הונדערטפּראָצענטיקן דורכפירן זיין אויפגאַבע. ער הויבט אָן רעדן וועגן פאַרענדיקן די אַקציע.

3 אַזייגער נאָכמיטאָג ווערן אין 183 קאַנאַל־עפנונגען מיט איין מאָל אַריינגעלאָזט „נעבעלקערצען". די פעולה איז די, אַז אַלע יידן, וואָס האָבן זיך נאָך אויפגעהאַלטן אין די קאַנאַלן, אַנטלויפן אונטער דער ערד אין דער ריכטונג צום הויפּטקאַנאַל אין צענטרום פונם געטאָ. זיי ווערן דאָ אָן מי אַרויסגעשלעפּט און ליקווידירט, אָדער אָפּגעשיקט אין טויטן־לאַגער טרעבלינקע צוויי.

ביי די אָרעמע, ממילא שוין צום טויט פאַרמאַטערטע מענטשן, ווערט צוגענומען די לעצטע מעגלעכקייט פון דעקן זיך נאָך אַ שטיק צייט.

דעם 15טן מאַי — סטראָפּס „גרויסע אַקציע“ גייט צו ענדע. די אויפגעדעקטע 29 בונקערס פון דעם טאָג זענען שוין טיילווייז געווען אָן איינוווינער. ביינאַכטיקע פּאַטראָלן האָבן אָנגעטראָפן נאָר איינצלנע יידן, געקאָנט אַוועקלייגן „נישט מער“, ווי 9. און דאָך — נאָטירט ער אויך היינט נאָך אַ גרופּע, וואָס שטעלט זיך צו פּאַרטיידיקונג, באַנוצט זיך מיט מאָלאָטאָוו-קאָקטייל, מיט האַנט-גראַנאַטן. מען האָט געפונען אַ טייוול־מאַשין מיט אַ צינד־קנויל, 10 קילאָ אויפרייס־מאַטעריאַלן, אויך אַ פּאָר פּיסטאָלעטן.

אויפן בית־עולם ווערן אויפגעריסן און אונטערגעצונדן דעם טאָג אַלע בנינים.

דעם 16טן מאַי — דעם 28טן טאָג פון דער „גרויסער אַקציע“ — אין אָוונט — סטראָפּ ראַפּאָרטירט וועגן איר פאַרענדיקונג. צום פינאַל איז אויפגעריסן געוואָרן די סינאַגאָגע אויף טלאָמאַצקע.

סטראָפּ שטרייכט אונטער, אַז פאַרענדיקט איז בלויז די „גרויסע אַקציע“. ביי דער גאַנצער התמדה, מיט וועלכער ער האָט געטון זיין אַרבעט, האָט ער די אויפגאַבע אין דער פולער מאָס נישט דורכגעפירט. דעם המשך מוז ער איבערגעבן דעם פּאָליציי־באַטאַליאָן III/23. ער רופט אַרויס דעם קאָמענדאַנט. ווי אַ גוטער בעל הבית, גיט ער אים גענויע אָנווייזונגען, וואָס ער האָט צו טון. אין באַריכט איז פאַראַן אַן איבערבליק אויף דער צו־קונפטיקער אַרבעט און אויף דער צוקונפט פון געטאָ־געביט.

אויך אַ סך־הכל פון דעם, וואָס איז געוואָרן אָפּגעטון אין דער גרויסער אַקציע.

56.065 יידן געכאַפּטע, אָדער אויף זיכער פאַרניכטעטע. אַ חוץ דעם אומ־געבראַכטע יידן, וואָס מען האָט זיי ציילן נישט געקאָנט. זייער צאָל שאַצט סטראָפּ אָפּ אויף אַן ערך 5 ביז 6 טויזנט נפשות.

פאַרניכטעטע בונקערס — 631.
דעראָבערטע וואָפן:

7 פּוילישע ביקסן, 1 רוסישע און 1 דייטשע ביקס, 59 פּיסטוילן פון פאַרשידענעם קאַליבער, עטלעכע הונדערט גראַנאַטן, אַ פּאָר הונדערט

צינד־פלעשער. אויפרייס־מאַטעריאַל, דינאַמיט־לאָדונגען, אַ גרויסע צאָל אַמוניציע, אויך צו מאַשין־געווער.

אַ סך געווער און אַמוניציע איז אין די דייטשע הענט נישט אַריינגעפאַלן צוליב דעם, וואָס די מאַגאַזינען זענען געוואָרן אויפגעריסן בשעת די שריפות, אָדער עס איז נישט געווען מעגלעך עס אַרויסצושלעפּן פון די פאַרגאַזירטע באַהעלטענישן.18)

גענומען רויב:

108 פערד, 1240 דייטשע מונדירן, 600 פאָר מיליטערישע הויזן, אַ צאָל דייטשע העלמען און אַנדערע קעגנשטאַנדן פון זעלנערישער אויסשטאַטונג. פון געלט: 4.400.000 פּוילישע גילדן, 14.300 פּאַפּיר־דאָלאַר, 9.200 גאָלד־דאָלאַר, אויך אַ סכום אַנדערע אויסלענדישע וואַלוטע. אַ גרויסע צאָל זייגערלעך, רינגלעך, פּרויען־צירונג...

נישט אַריינגערעכנט איז דאָ — פאַרשטייט זיך — דאָס געלט און גאָלד, וואָס איז אַראָפּגעלאָזט געוואָרן אין די קעשענעס פון די באַטייליקטע אין רויב־מאָרד.

סטראָפּ שטרייכט אונטער זיינע פאַרדינסטן. ער האָט טאַקע פאַר זיי באַקומען אַן אייזערנעם קרייץ (אויך זיינע אָפיצירן האָבן באַקומען אויסצייכנונגען).

„געווען אַ יידישער קוואַרטאַל — ער איז נישטאָ.” אויפן שטח איז קיין איינציקער בנין נישט פאַרבליבן גאַנץ. בלויז דער גרויסער בנין פון דער תפיסה דזשעלנע־פּאַוויע, וועלכן מען האָט די גאַנצע צייט ספּעציעל געשוינט.

ווי כאַראַקטעריסטיש...

דער פּאָליציי־באַטאַליאָן נעמט איבער די אויפגאַבע. די רעשטן יידן פאַרבליבענע צווישן די חורבות און אונטער דער ערד — צו האַלטן אונטער אַ כסדרדיקן דרוק. אַכטונג צו געבן, „אַז עס זאָל זיי אויף כלערליי אופנים צוגענומען ווערן איעדע מעגלעכקייט פון עקזיסטענץ.”

צום סוף אַ פאָרשלאַג:

די תפיסה אויף דזשעלנע וואָלט געדאַרפט פאַרוואַנדלט ווערן אויף אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער. די אַרעסטאַנטן זאָלן זיך פאַרנעמען מיטן אויפקלויבן פון די מיליאָנען ציגל, פון דעם אייזנברוך און אַנדערע רוישטאָפן, וואָס דאַרפן „צוגעפירט ווערן פאַר דער פאַרווערטונג”.

און דאָס איז דער דייטשער סך הכל:

פון טויזנטער הייזער — בערג מיט אַלטע ציגל.

פון אייזן און אַנדערע קעגנשטאַנדן, וואָס האָבן געדינט דעם מענטש — הויפנס בראָכוואַרג, קופּעס שמעלץ. קופּעס אַש און מיסט.

פון קרוב אַ האַלבן מיליאָן נפשות מענטשלעכע — לעבעדיקע, שאַפּנדיקע — אַש.

דאָס איז דער דייטשער תכלית.

XXII

א קנאַפּן חודש האָט דער ווידערשטאַנד געדויערט לויט סטראָפּס ראַ־פּאָרט. וואָכן און וואָכן־לאַנג זענען נאָך אָבער נישט געווען אויס־געלאָשן זיינע לעצטע פייער־פּונקטן. לעצטע עכאָס.

דער המשך איז געגאַנגען אויף די חורבות.

די „גרויסע אַקציע" איז געווען פאַרענדיקט. די קליינע האָט געדוי־ערט. אויף די מויערן אַרום דעם געטאָ האָבן אַלץ נאָך געהאָנגען די פּלאַ־קאַטן מיט דער אויפשריפט: Halt! Stój! — „אַ פאַרבאָטן געביט". „האַלט, שטיי" — איז געווען געשריבן אויף די מויערן מיט קרייד, מיט קויל.

ק יינער אַ חוץ די דייטשן מיט די משורתים זייערע און די אַסירים, וואָס האָבן דאָ געאַרבעט — האָט ביז צום סוף אין געטאָ אַרייגייַן נישט געטאָרט.

די חורבות רויבערן זיך און עס טליעט נאָך אַ רעשט פון לעבן, אויך דער לעצטער, דער סאַמע לעצטער, רעשט פון ווידערשטאַנד.

עס ווערן בונקערס אויפגעדעקט נאָך, עס פּרווון די לעצטע יידן פאַר־בליבענע אין חורבות זיך ראַטעווען פון טויט, זיך אַרויסרייסן פון שונאס הענט. פאַראַן נאָך מענטשן, וואָס פאַרטיידיקן זיך מיט געווער אין האַנט.

די לעצטע קעמפער פון די לעצטע קאַמפס־גרופּן פאַרבליבענע אין געטאָ. נאָך העכער אַ חודש קומען אָן פון זיי ידיעות.

עס שטייען צו צו זיי נאָך נייע יונגע מענטשן. דער גייסט פון דער אָרגאַניזאַציע לעבט נאָך — הגם דאָס לעבן גופא צאַנקט.

זיי שיסן נאָך — זיי האָבן שוין די סאַמע לעצטע קוילן — מען שיסט צו זיי. דאָס עכאָ טראָגט זיך איבער חורבות, איבער דער גאַנצער שטאָט.

דאָס עכאָ קלינגט אין אונדזערע אויערן. עס וועט אַפּהילכן אין יידישן זכרון דורות־לאַנג.

ביז אַן אומקום איז געקומען אויך צו זיי — די סאַמע לעצטע. ערשט צוזאַמען מיט די לעצטע פייער־מיטל איז אויסגעגאַנגען זייער קאַמף.

פון הונגער און פון ווונדן, אין צוזאַמענשטויסן מיטן שונא — פאַלן זיי אַלץ איינער נאָכן אַנדערן אַוועק.

מיט פיסטאָלעטן אָנגעבונדענע אויף שטריקלעך, כדי נישט צו פאַרלירן זיי ביים קלעטערן, ביים שפּרינגען איבער די חורבות — פאַרוויסטע, הונגעריקע — בלאָנקען זיך אַרום די ל ע צ ט ע קעמפער אין די נעכט. דורך די קאַנאַלן זוכן זיי אַן אויסגאַנג — פונקט ווי יענע, וואָס זענען אַרויס. זיי האָב נישט קיין מזל. מיט גאָרנישט קומען זיי איעדעס מאָל צוריק...

עס זענען שוין נישטאָ די מענטשן אין די מאַסן, וואָס אַנטלויפן פונם טויט.

די וואָס גייען איצט אַרויס ביינאַכט צו זוכן שפּייז, קאָנען נישט אויסהאַלטן פאַר אימה. מען זעט נישט קיינעם. נאָר אָ בלעך אַן אָפּגעריסענע פון דאַך קלינגט אָפּ אומהיימלעך. אַ פענצטער־פליגל קרעכצט — אַ געהוידעטער פון ווינט.

אין אַזאַ נאַכט גייט אַרויס „זאַכאַריאַש" אויף אַן אויפגאַבע. ער גייט זוכן אַ וועג פאַר זיינע ייִנגלעך פון געטאָ אַרויסצוגיין. ער לאָזט זיך צו אַ וויטער גאַס פון קיינעמסלאַנד.

ער גייט און ווערט פאַרשוווּנדן. אויף אייביק ווערט פאַרשוווּנדן צווישן חורבות — דער לעצטער געטאָ־קאָמענדאַנט.

זיי זענען אַלע שוין אַוועק. נאָר אין לעבער אונטערערדישע, אין שפּאַלטן צווישן ציגל־בערג... אין ווינקלען גאַנץ פאַרבליבענע צווישן די אָפּגעברענטע הייזער...

נאָר דאָרטן זענען נאָך געווען לעבנס־שפּורן — וואַקלדיקע שאָטנס.

אָבער אויך איצטער ענדיקט זיך נישט די סאַמע לעצטע שפּור. אויך איצט איז נישט געקומען נאָך דער סאַמע לעצטער סוף פון אַלץ.

ווי פון יענער וועלט קומען עדות אויף — מיט יאָרן שפּעטער — וואָס האָבן אויך דעם עטאַפּ נאָך געלאָזן הינטער זיך. וואָסאַמאָל נייע און נייע עדות — אַזעלכע, וואָס האָבן אויסגעהאַלטן אויף דעם שטח ביז סעפּטעמבער, ביז נאָוועמבער און דעצעמבער — אַפילו אַזאַ איינער, וואָס איז אַרויס פון געטאָ ערשט אין חודש יאַנואַר אין 1944.[15]

דאָס וואָס זיי דערציילן איז אויסטערליש ביז גאָר.

דער סוף פון לעצטע בונקערס, פון מענטשן, אַריינגעפאַלענע שוין אַזוי שפּעט אין דייטשע הענט. דאָס אויפקומען פון מוסרים־חברות, מיטן טויט־טעראָר געשאַפענע דורך דייטשן. פון רוויבער־באַנדעס — יידישע און פּוי־לישע — אַ קאַפּיטל פון ירידה אויפן שטח פון דעם וויסטן לאַנד.

אָבער אויך אַ לעצט קאַפּיטל נאָך פון ליכטיקייט. די „חורבות־גרופּע". יונגע מענטשן, וואָס לעבן מיט די אידעאַלן פון קאַמף און ווידערשטאַנד. אויך מענטשן, וואָס האַלטן הויך אין אַט דעם מצב די געבאָטן פון ברידער־לעכקייט און מענטשלעכער מסירת נפש צו אַנאַנד.

די שילדערונגען פון דער צייט, די דערפאַרונגען פון יענע לעצטע יידן אויפן געטאָ־שטח — זענען משונהדיקער און אומהיימלעכער פון אַלץ, וואָס יידן האָבן דורכגעלעבט ביז דאַן.

אַן ווען אויך דאָס קאַפּיטל איז שוין געווען פאַרענדיקט — סוף ווינ־טער, פרילינג, זומער 1944 — האָט מען דעטאַנאַציעס פון וואַר־שעווער געטאָ כסדר נאָך געהערט.

ס׳איז גאַרנישט — האָבן מענטשן באַרואיקט איינער דעם אַנדערן — דאָס רייסט מען אויף די הייזער אינם געטאָ.

זיי האָבן זיך געפּרווט באַרואיקן. געמאַכט זיך האַרץ. געוווּסט האָט מען, אַז אין געטאָ איז פאַראַן אויף גענשע גאַס — אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער, וואָהין מען פאַרשלעפּט פּאַליאַקן... מען האָט געשמועסט, אַז עס זענען אויך דאָרט קרעמאַטאָריעס פאַראַן...

לעגענדעס האָבן אָנגעהויבן אומגיין וועגן געטאָ. מעשיות — סודותפולע — ווי מעשיות פון אַ ווייטן לאַנד.

אויך יידן האָבן איצט געאַרבעט אין דעם געטאָ — נייע יידן — פון בולגאַריע, פון גריכנלאַנד, פון גאַנץ באַלקאַן.

אַ בערלינער פירמע, מיטן נאָמען מייער, האָט אַרויסגענומען אַ קאָנ־צעסיע צו „אוטיליזירן די געטאָ־חורבות". דאָס געשעפט האָט זיך געלוינט.

אויפסניי האָט מען גענומען אויפרייסן איעדעס הויז. פאַנאַנדערנעמען די ציגל, אַרויספירן דאָס אייזנבראָכוואַרג, דעם מעטאַל.

מען האָט באַרלייגט אַ קליינעם באַן־צווייג אויפן שטח. וואַגאָנדלעך האָבן זיך געשלעפּט מיט משא.

העכער אַ יאָר האָט מען געאַרבעט. „אויטיליזירט״ און „ניוועליזירט״. די רעזולטאַטן קען מען זען נאָך היינט.

זיי האָבן אַ גרויסן ישוב פאַרוואַנדלט אין אַ מדבר.
לאָמיר שווערן ביי אירע שטיינער הייליקע, אייביק צו זיין מיט די, וואָס פאַרוואַנדלען מדבריות וויסטע אין בליענדע ישובים.
נישט מיט די, וואָס טוען פאַרטיליקן און האַסן — נאָר מיט די וואָס ליבן. וואָס בויען און וואָס פלאַנצן.

XXIII

אין אַן ערב־פּרילינג־טאָג פון 1944 איז מיטן וועג פון באַניפּראַטערסקע
צו אינפלאַנצקע לענגאויס דער געטאָ־מויער געגאַנגען אַ פרוי.
אַ יידישע פרוי, וואָס האָט געלעבט אַלס פּאָלקע.

האָבן כסדר נאָך געוואָרנט די Halt! Stój! Strefa Zakazana! שוואַרצע אויפשריפטן אַרום דער מויער. אַפילו אַריינקוקן איז אַ ה י ן געווען פאַרבאָטן.

ס'איז אויך געווען טרויעריק ביז גאָר.

קיין צעפליקטע פירהענגלעך אין פּוסטע פענצטער האָבן שוין דאָרט נישט געפלאַטערט מער, ווי שפּינוועבס איבער פעלדער אָפּגעשניטענע אין האַרבסט.

קיין פענצטער — נאָך דער דריטער אַקציע — זענען שוין אין געטאָ אינגאַנצן נישט געווען.

מענטשן אין געשטרייפטע בגדים מיטן צייכן פון אַ מגן דוד אויף די היטלען — יידן בולגאַרישע און גריכישע — האָבן גענישטערט צווישן ציגל אויף די ערטער, ווו וואַרשעווער יידן האָבן אַמאָל געלעבט.

נאָר איין וואַנט האָט נאָך געשטאַרצט אַן איינזאַמע צווישן אַלדאָס ליגנדיקע אַרום — ווי אַ געשפּענסט. די ציגל זענען אַרום איר געלעגן אָנגעשאָטן מעטער־הויך. אין דעם טיר־לאָך פון אַ געוועזענעם באַלקאָן איז געשטאַנען אַ מענטש.

אַנטקעגנאיבער איז געווען אַ האַנדלס־פּלאַץ — די „וואָלוווקע". מאַרקזיצערינס זענען געזעסן ביי קוישן מערן און קאַרטאָפל. עס האָבן זיך געווימעט קויפער און פאַרקויפער מיט כלערליי סחורות — דער רוב מיט מלבושים און מיט וועש געגנוצטער אויף די הענט.

אַ נייער פרילינג איז געגאַנגען — אַ נייער זומער. דער זייגער פון דעם קריג האָט שוין געהאַלטן שפּעט.

דער מענטש האָט אויסגעזען פאַרטראַכט. ער האָט געקוקט אויף די, וואָס האָבן דאָ נישט ווייט געפירט אַ האַנדל; אויף דער פרוי, וואָס איז געגאַנגען מיטן טראָטואַר און איז געווען פריי. ער איז געווען אַ געפאַנגענער ביים טיול אין די הענט — אין אַ פרעמדן לאַנד, מיט פרעמדער שפּראַך...

אין זיינע אויגן איז געווען דער טרויער פונם געטאָ. ער איז געווען אַזוי יונג און שיין און טראַגיש, ווי די יינגלעך און די מיידלעך אונדזערע, וואָס האָבן דאָ געקעמפט.

אַ יונגער, פרעמדער ייד, צווישן די געטאָ־חורבות...

הײַנט זענען שוין אויך די יידן פון בולגאַריע און גריכנלאַנד נישטאָ דאָ אויפן שטח פון דער געטאָ־מדבר.

איצגיכן וועט מען דאָ צוטרעטן צו בויען — אַ נייע שטאָט. דערוויילי איז נאָך די לאַנדשאַפט ווי געווען.

אַ הויף פון גרעזלעך שיטערע באַדעקט די ציגל־בערג. ווי האָר פון אַ טויטן, וואָס וואַקסן נאָכן טויט.

אַ ווינטל גייט איבער די גראָזן.

ס׳איז שטיל אַרום...

נאָר ווער עס גייט אַליין דאָרט אום אין אַ פאַרנאַכט — דער הערט אָפּקלאַנגען פון קולות...

אַן עדה יידן דאַוונט דאָרטן מנחה־מעריב יעדן אָוונט. זיי זאָגן קדיש נאָכן פאָלק.

דער ניגון פון אל מלא רחמים טראָגט זיך מיטן ווינט.

אין ניגון איז אַרײַנגעוועבט אַ גאָטע. דער קלאַנג פון אַ שופר און פון אַ שלאַכט־פּויק.

מרדכי רופט צונויף זיין חיל צום אַפּעל.

זיי לויפן אָן פון אַלע זייטן, זיי שפּאַנען אונטער פרייעם הימל. זיי שפּאַנען איבער געטאָ־גאַסן, וואָס זענען שוין נישטאָ.

געפאַלן איז דער תליון, געפאַלן איז דער קרבן.

און אויך דער גואל הדם איז טויט.

אָבער ער טוט אויפשטיין נאָכאַמאָל.

XXIV

די וואָס מיר זענען געווען דעמאָלט אין וואַרשע...

אייביק וועט זיך אונדזערע נאָזלעכער חלומען דער גערוך פון שריפה.

אייביק וועלן מיר זען דעם סלופּ פון פייער און פון רויך, וואָס האָט געהויבן זיך צום הימל יענעם פרילינג. אייביק הערן דעטאָנאַציעס.

די דעטאָנאַציעס האָבן אין וואַרשע שוין נישט אויפגעהערט.

קודם איז געווען דער המשך פון דעם קאַמף. דערנאָך דאָס אויפרייסן די הייזער — עס זאָל קיין שטיין נישט בלייבן אויף אַ שטיין. דאָס פאַרוואַנדלען פון דעם געטאָ־שטח אין אַ לאַנדשאַפט פון אַן אויסגעשטאָרבענעם פּלאַנעט.

מען האָט זיי יעדן טאָג געהערט — די דעטאָנאַציעס פון דאָרט.

— דאָס רייסט מען אויף דאָס געטאָ האָבן מענטשן זיך געזאָגט...

ביז די דעטאָנאַציעס האָבן זיך אויפסניי פאַרמערט, געשטאַרקט. אַרייַבער אין דער שיסעריי פון אַלגעמיינעם אויפשטאַנד.

אין דער שיסעריי פון ווייסל־פראָנט.

מיט אַ האַלב יאָר שפּעטער — אין דער קאַנאָנאַדע פון דער אָפענסיווע — אין דעם באַפרייאונגס־קול.

פון די וואָס זענען נאָך געהאַט געבליבן לעבן — אַרויסגעגאַנגענע פון געטאָ — האָבן נאָר געציילטע דאָס דערלעבט...

און ווער עס קומט קיין וואַרשע — אַ ייד — זאָל עולה רגל זיין אַהיין צוערשט. צום אָרט, וווּ ס׳האָבן אויסגעלאָשן זיך די שריפות און די לעבנס.

עס איז די מדבר, דורך וועלכער מיר זענען אַדורך. געווען איז אויבען דער עמוד האש — דער קאַמף.

דאָס קעמפערישע וואַרשע האָט אַ מוסטער אויפגעשטעלט — ווי די שטאָט לענינגראַד, ווי סטאַלינגראַד.

אין דער שטאָט איז נאָך אַ שטאָט געווען. עס האָט זי שוין ווער אָנגערופן — געטאָגראַד.

מיט די מפּלות אירע, מיטן חורבן, האָט די שטאָט וואַרשע אַ נצחון אָפּגעהאַלטן — נישט נאָר איבערן שונא — מיט איר גייסט. אויך איבער אַזעלכע שטעט, וואָס זענען געבליבן גאַנץ.

דערפאַר, וואָס יענע האָבן מיטן שטאַרקערן קיין קאַמף נישט אָנגעהויבן, דערפאַר וואָס יענע האָבן זיך געבוקט פאַר איבערמאַכט.

און אויך די יידן, וואָס האָבן געקעמפט אין וואַרשע, האָבן אַ ביישפּיל אויפגעשטעלט פאַר זייער פאָלק.

סיי פאַר דעמאָלט, סיי — פאַר איצט.

די שטעט, וואָס האָבן געקעמפט וועלן ווערן אויפגעבויט צוריק.

אויך אונדזער פאָלק, וואָס האָט געקעמפט. וואָס קעמפט ווייטער פאַר זיין רעכט צו זיין אַ פאָלק.

עס וועט זיך אויפבויען און וועט געבוירן ווערן אויפסניי — אין קאַמף.

דער קאַמף איז נישט פאַרענדיקט נאָך — דער יידישער און מענטשלעכער. ער דויערט.

א מצבה

ז ייערע נעמען:
אברהם, יצחק, יעקב,
שרה, רבקה, רחל, לאה.
און אַ ראובן מיט אַ שמעון, אַ יוסף מיט אַ בנימין.
אַ משה מיט אַ אהרן, אַ יהושוע.
און אַ מיכאל און אַ רפאל און אַ גבריאל.
און אַ דוד מיט אַ שלמה, אַ שאול, צו זיי אַ שמואל.
און אַ זכריהו און יחזקאל, אַפילו אַ ירמיהו.
און אַ ישראל מיט אַ חנוך, מיט אַ טוביה, אַ מנחם מיט אַ שמחה.
און אַ מאיר און אליעזר, אַ חנינה מיט אַ יוחנן — ווי די תנאים.
און אַ צבי הערש און אַ דוב בער, אַן אריה לייב, אַ וואָלף...
און אַ מרים מיט אַ דבורה, מיט אַ חנה. אַ רות.
אַ שושנה און אַ פנינה.
און אַ נעכע, אַ טעמע אַ צביה —
ווי מאַמעס טייערע, פאַרצייטנס.
און אַ פרומע — ווי אַ פירזאַגערין.
און אַ טייבעלע, אַ פייגעלע — פון פאָלקסליד.

און ווייל זיי זענען אַזוי יונג געווען, אַזוי נאָך נאָענט צו מאַמעס צערטלעכקייט, האָבן זיי אַנאַנד מיט נעמען קינדישע גערופן. און ווייל אין פוילן זענען זיי געוואַקסן, האָבן זיי צומאָל אויף פויליש אויך די רופנעמען פאַרצויגן.

און עס איז געווען אַ לוטעק און אַן עדעק.
אַ יאַנעק, אַ מיעטעק, אַ סעוועק.
אַן אָלעק, מיט אַ טאַדעק און אַפילו אַ סטאַשעק.
אַן אַנטעק, אַ מאַרעק, אַ קאַזיק.
און אַ מאַרישיע און אַ וואַנדזיע.
און אַ סטעפע מיט אַ רוזיע.

און די, וואָס האָבן אַן אַלטע קאָנספּיראַטיווע.טראַדיציע געהאַט, האָבן זיך מיט ערנסטע בעמען פון אונטערערד גערופן.

און עס איז געווען אַן איניציאַטאָר יוזעף. און אַ קעמפער איגנאַץ איז געווען, אַן אַדאַם — אַ מיט יידישע אותיות געשריבענער.

און אַן אַנדזשעי איז געווען און אַ פּאַוועל, אַן אַלעקסאַנדער.

און אַ מיכאַל איז געווען און אַ זיגמונד — פון די סאַמע איבערגע־געבענסטע.

אַ לעאָן מיט אַן — אַדאָלף — פון דייטשלאַנד.

און די וואָס האָבן מיט אָרץ־ישראל געהאַט אַ שייכות, האָבן זיך מיט בעמען גרויסע און פּאַטעטישע גערופן. מיט נעמען פון דער מדבר, פון תנך.

און אַ לבן איז געווען אין אַ צווייטער שטאָט, פון זעלבן גוטן חדר.

און אַ יהודה איז געווען צווישן די פּירער. ווי אַמאָל צווישן די השמונאים.

אַזש צוויי מרדכיס — פון די סאַמע שטאַרקע און פלאַמיקע נשמות.

לאָמיר זאָגן דעם לויב פון די יונגע. לאָמיר זיי נישט באַווייגען. לאָמיר זיי ליב האָבן, ווי זיי וואָלטן אַלע נאָך געווען צווישן אונדז.

לאָמיר זיי דערהאַלטן לעבעדיק אין אונדז ביז אונדזער לעצטן אָטעם.

דאָס גאַנצע פּאָלק האָט זיך געקאָנט אין זיי באַנייען. און זיי האָבן די ליידנשאַפטן פון אַ הייס און שטורמיש לעבן — אין אַ פרילינג איינאַונאַיינציקן פאַרלעבט.

די ליבעס און די פריינטשאַפטן, אין קורצע יאָרן, אין חדשים וויי־ניקע פאַרוועבט און אויסגעוועבט.

נישטאָ, וואָס זאָל זיך קאָנען צום גלאַנץ פון זייער גורל גלייכן.

העראָאיש, טרויעריק, עקסטאַטיש — אַלץ.

און פּשוט אַזוי, ווי אַ שוואַרץ שטיק ברויט אין האַנט פון פּאָלק.

אַז זיי האָבן יונגע אויגן געהאַט — ווער לעבעדיקע, קלוגע — ווער פאַרחלומטע.

און זיי האָבן העלע האָר געהאַט, ווי דאָרפס־שגצים, אָדער שוואַר־צע און געקרויזטע, ווי ציגיינער. און וועלכעס מיידל עס האָט בלאָנדע האָר געהאַט, האָט זי זיך לאַנגע צעפּ פאַרלאָזט און איז אין שליחותן געגאַן אי־בערן לאַנד.

און זיי האָבן ליפּן ווייכע, אָנגעבלאָזענע, האַלב קינדישע געהאַט נאָך. אַ הויך פון פרישקייט אויף די באַקן — ווי דער פרימאָרגן־נעפּל איבער פעלדער, אין די טעג פון ערב פרילינג.

אַ שמייכל אין די מויל־ווינקלען, אָן אומעט אויף די ברעמען — וואָס איז נאָך אַזוי חנפדיק, ווי יונגע פּנימער? שיין אַפילו אין אָנבליק פונם טויט...

מיט ווייס רויטע פון רויך, פאַריסט, באַוואַקסן, אויסגעמאַטערט — האָבן זיי געלויערט אויפן שונא. מיט שוואַרצאַפּלען פאַרברייטערטע אַריינגעקוקט אין פייערבראַנד.

די 18־20 און די 25־יאָריקע — פאַרשוואַרצט פון קאַמף.

אַ שימער איז פון זיי געגאַנגען, אַן אייביקייט האָט אָפּגעהילכט אין זייער טראָט.

איבער גזימסן פון די הייזער זענען זיי געלאָפן, אויף שטריק געצויגן זיך, אויף רינגעס, אויף ליילעכער — אַראָפּ, אַרויף.

דאָס שווערע האָט שוין איבער זיי קיין שליטה נישט געהאַט.

ווי כרובים האָבן זיי געשוועבט אין לופטן, איבער די דעכער יידישע. אין דער האַנט די שווערד.

דאָס גאַנצע פאָלק האָט זיך געקאָנט אין זיי באַנייען.

זאָל נישט וואָגן קיינער זיי צונעמען צוריק ביים ג אַ נ צ ן פאָלק.

זאָל קיינער זיך נישט אָנהענגען אין זייער כבוד.

נישט קיין משפחה, קיין פּאַרטיי, קיין לאַנד.

זאָל קיינער פון דער הייך נישט פּרוּוון זיי אַראָפּשלעפּן.

זיי זאָלן ווייטער שוועבן איבער דעכער יידישע — אַזוי ווי דעמלט — זיי האָבן געשוועבט — אין יענע טעג.

ביי פעלקער אַנדערע ווערן משפחה־נעמען אויף דענקמעלער, געדענקטאָוולען געקריצט.

פון מאַרטירער, פון קעמפער.

מיר זענען נישט אומשטאַנד געדענקען די משפחה־נעמען פון — מיליאָנען. אַפילו נישט פון די געפאַלענע אין קאַמף.

פאַראַן באַקאַנטע און פאַראַנען מער נאָך באַמענלאָזע, אומבאַקאַנטע. מיר טאָרן נישט מחלק זיין צווישן זיי.

געווען אַזעלכע, וואָס האָבן געגרייט, באַוואָפנט זיך צום קעמפן. אומ־געקומען, נישט דערלעבט דעם קאַמף. מיר טאָרן נישט פאַרגעסן וועגן זיי.

געווען אין וואַרשע, אין קראָקע, אין ווילנע, געווען אין ביאַליסטאָק, אין טשענסטאָכאָוו, אין בראָד — געווען אין שטעט, אין דערפער, לאַגערן, באַקאַנטע און אומבאַקאַנטע. אַזעלכע, וואָס האָבן באַטייליקט זיך אין ווי־דערשטאַנד. און אויך אַזעלכע, וואָס זענען אומגעבראַכט געוואָרן, נישט באַוויזן צו דערציען ביז דעם קאַמף.

פאַראַנען מעשים איינצלנע, פאַראַנען אויך בציבורדיקע, וואָס ס'איז קיין עדות נישט פאַרבליבן צו דערציילן וועגן זיי.

מיר דאַרפן ערן די באַקאַנטע און אומבאַקאַנטע און די וויניקער מפורסמע — מיט פונקט דער זעלבער ליבשאַפט — אַלע גלייך.

דער דענקמאָל אונדזערער פאַר די געפאַלענע אין קאַמף, קען נאָר אַ דענקמאָל זיין — פון אומבאַקאַנטן קעמפער...

די געדענק־טאָוולען געקריצט — אין האַרץ פון גאַנצן פאָלק...

ז ייערע נעמען:
אברהם, יצחק, יעקב...
שרה, רבקה, רחל, לאה...

באַמערקונגען

1) מאַלאַטאַוו־קאַקטייל האָט מען אַ נאָמען געגעבן דער פליסיקייט, פון די אַליין פּראָ־דוצירטע צינדפלעשער. דאָס וואָרט שטאַמט, דאַכט זיך, פון דער פּאַרטיזאַנער־באַוועגונג.

2) נאָך דער ערשטער גירוש־אַקציע איז דאָס געטאָ געוואָרן פאַרקלענערט און איינגע־טיילט אין באַזונדערע עטלעכע אַרבעט און וווין־געביטן פאַר די יידישע אַרבעטער פון דייטשע פירמעס. אין פירעק צווישן די גאַסן גענשע, פראַנטשישקאַנער, סמאָ־טשע, סטאַווקי, באָניפראַטערסקע, האָט זיך געפונען דאָס צענטראַלע געטאָ, וווּ עס האָבן זיך אַ חוץ דעם רעשט פון די אינסטיטוציעס פון יודנראַט און געוויסע דייטשע פירמעס געפונען וווינונגען פון די יידן, וואָס פלעגן אַרויסגיין אַרבעטן אויף דער פוילישער זייט.

3) פּאָפּולערער נאָמען פון דער קאַמפס־אָרגאַניזאַציע, בכלל פון אונטערערדישער באַ־וועגונג, סיי אויף דער יידישער, סיי אויף דער פוילישער זייט.

4) די אַרבעטס־לאַגערן האָבן זיך געפונען אין לובלינער קאַנט.

5) בשעת דעם אַלגעמיינעם אויפשטאַנד האָבן זיך די פוילישע קעמפער פון אַלטשטאָט באַנוצט מיט די קאַנאַלן פאַר מיליטערישע באַוועגונגען. די הייזער זענען געווען פאַרבונדן צווישן זיך אין געמיינזאַמע קאָמפּלעקסן. די און אַנדערע מעטאָדן זענען צוערשט אויסגעפּרוווט געוואָרן אין געטאָ. אַ יידישער אָפּטייל האָט געקעמפט אויף אַלטשטאָט.

6) עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן געווער־הילף. די פערטראַקטאַציעס אין נאָמען פון דער אָרגאַניזאַציע האָט געפירט מרדכי טענענבוים־טאַמאַראָף — דער שפּעטערדי־קער קאָמענדאַנט פון אויפשטאַנד אין ביאַליסטאָקער געטאָ.

7) „אינזורעקציע" און „מאַניפעסט" — טערמינען פון ערשטן פוילישן אויפשטאַנד אין יאָר 1794, אין שפּיץ פון וועלכן עס איז געשטאַנען טאַדעוש קאָשציושקאָ.

8) „ווערטערפאַסונג" האָט זיך אין וואַרשע גערופן דאָס אַרויסרוימען לטובת די דייטשן דאָס פאַרמעגן פון די אַרויסגעפירטע, אָדער דערהרגעטע יידן.

9) זע אונטן זייט 69.

10) בשעת דער ליקווידאַציע־אַקציע האָט דער קאָמענדאַנט פון דער אַקציע גענ׳ סטראָפּ איינמאָל אָדער צוויי מאָל אַ טאָג איבערגעשיקט דורך אַ טעלעסקריפּטאָר באַריכטן צום העכערן עס־עס און פּאָליציי־פירער קריגער אין קראָקע. אַ חוץ דעם האָט ער אָפּגעגעבן אַן אַלגעמיינעם באַריכט פאַר דעם צוזאַמענפאַר פון די עס־עס און פּאָ־ליציי־פירער פון אָקופּירטן פוילן, דעם 18טן מאַי. ביידע באַריכטן צוזאַמען מיט אַ „בילד באַריכט" זענען אויפגעקומען בשעת דעם פּראָצעס אין נירענבערג.

11) זע אונטן זייט 40.

12) אויף דער פוילישער זייט האָט זיך געפונען אַלס פאַרשטייער פון דער יידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע דער פאַרטרעטער פון דעם קאָמענדאַנט מרדכי אַניעלעוויטש — יצחק צוקערמאַן („אַנטעק”).

13) דער שעף פון וואַרשעווער ווערטערפאַסונג פראַנץ קאָנראַד איז אַרעסטירט געוואָרן אין יאָר 1946 אין עסטרייך. אין זיינע שריפטלעכע דערקלערונגען פאַרן אַמעריקאַנער אויספאָרשונגס־אַמט איז פאַראַן אַ סך מאַטעריאַל וועגן וואַרשעווער געטאָ. צו זיינע אַקטן איז אויך צוגעגעבן אַ זאַמלונג פאָטאָגראַפיעס פון וואַרשעווער אויפשטאַנד.

14) י. י. פראָפּוס און יוסף קירמאַן.

15) יצחק צוקערמאַן גיט אָן, אַז ער האָט נאָך דער באַפרייאונג גערעדט מיט אַ ייד, וואָס האָט אויסגעהאַלטן אין די חורבות פון געטאָ ביז צום דייטשן ריקצוג אין יאָר 1945.

16) אין שפּיץ פון די דריי גרופּן זענען געשטאַנען זכריה אַרצשטיין, יוסף פאַרבער, יצחק בלושטיין.

17) דאָס קליינע געטאָ איז געווען אינגאַנצן איזאָלירט פון די אַנדערע געביטן, וואָס האָבן דאָך געהאַט אַ געוויסע מינימאַלע מעגלעכקייט זיך צו קאָנטאַקטירן מיט אַנאַנד.

18) די שפּייז פלעגט סטראָפּ ספּעציעל הייסן פאַרסמען, כדי די יידן זאָלן זיך אין די נעכט נישט קענען „רעפּראָוויאַנטירן”.

20) די איניציאַלן פון דעם נאָמען פון דער אונטערערדישער אַרמיי Armia Krajowa

מקורים

Powstanie w getcie warszawskim w 1943 r. Zbiór dokumentów, Państwowe wydawnictwo literatury politycznej — Warszawa 1945.

Marek Edelman — Getto walczy — Warszawa 1945.

Dr Józef Kermisz — Powstanie w getcie warszawskim — Łódź 1946.

B. Ajzensztajn — Podziemny ruch w gettach i obozach — Łódź 1946.

מ. ניישטט — חורבן ומרד יהודי ורשה — תל אביב 1946.

ב. מאַרק — חורבות דערציילן — לאָדזש 1947.

די יאָרטאָג־נומערן צום 19טן אַפּריל פון די צייטונגען „דאָס נייע לעבן" און „Nasze Słowo" לאָדזש 1946, 1947.

די ראַפּאָרטן פון גענעראַל סטראָפּ וועגן דער ליקווידאַציע פון וואַרשעווער געטאָ פון יאָר 1943.

די דערקלערונגען פון שטורם־פירער פראַנץ קאָנראַד פאַר דעם אַמעריקאַנער אויספאָרשונגס־אָפּטייל אין עסטרייך, זאַלצבורג 1946.

רעפעראַט פון יצחק צוקערמאַן וועגן דער יידישער ווידערשטאַנד־באַוועגונג אין פוילן, געהאַלטן אין א"י אין יאָר 1947.

מאַטעריאַלן וועגן דער צייט פון יידישן אויפשטאַנד אין וואַרשע און וועגן לעבן אויף די חורבות נאָך דער ליקווידאַציע — אין אַרכיוו פון דעם יידישן היסטאָרישן אינסטיטוט אין וואַרשע.

באַמערקטע דרוקפעלערן

צוליב טעכנישע סבות זענען אין טעקסט פאַראַן טעותים. אַ טייל פון זיי שטעלן מיר דאָ ריכטיק. מיר בעטן דעם לייענער דורכויס פאַרן צוטרעטן צום לייענען אַדורכ־פירן די נויטיקע אויסבעסערונגען.

זייט	שורה	איז	דאַרף זיין
5	11	גבודה	גבורה
5	15	און	אין
8	6	גייהיים	געהיים
12	3	צביותדיקער	צביעתדיקער
20	17	ער	עס
21	3	אָפהילף	אָפהילך
21	24	משה	מעשה
32	3	פייער	מויער
41	25	זיעכערסטע	זיכערסטע
53	16	אָן	אַן
64	26	מרדכאי	מרדכי
68	12	מנבלים	מנוולים
77	19	מבטר	מוותר